אן אויסגאבע פון די אידישע ארכיוון · מאנטאג און דאנערשטאג

# ארכיוון

**נומער 3** מאנטאג, פרשת וירא תשפ"ז · 26סטן אקטאבער 2026

ארטיקלען, שמועסן און פערל פון צוואנציג יאר אידישע פארומס און בלאגס – אויסגעקליבן און מגיה געווען, און צוריק צו די ליינער.


דיסקוסיע

**דריי טירן, איין קאר**

דער "מאנטי האל פראבלעם" צעטיילט קאווע שטיבל אין צוויי מחנות · יידל און די חברים

היסטאריע

**פרעזידענט לינקאלן**

פון אן אידישן בליק · ונבנתה העיר

פעליעטאן

**העי, טעקסי!**

שטילע אינגערמאן פארט אין בארא פארק

סייענס פון די ארכיוון

**דער האטעל וואס האט אלעמאל א פלאץ**

הילבערט'ס ענדלאזער האטעל

היינט מיט X יאר צוריק

**די וואך, אמאל**

26סטן אקטאבער – 1טן נאוועמבער, 2012–2018

חידות

**חידות פון די ארכיוון**

א ראד מיט דריי באלן, און נאך


**פון די ארכיוון:** קאווע שטיבל · היידפארק · אייוועלט · פאליש · דער קרעטשמע · היימישע קרעטשמע · אידישע וועלט · היימישע ווינקל · זאלצוואסער · א וועלט מיט וועלטעלעך · די ערשטע חסידישע בלאגס · מייסטערווערק · כוואליעס · באלעבאס

הקדמה

# א גוטן מאנטאג!

טייערע לייגער, דאס איז דער צווייטער מאנטאג-נומער פון ״ארכיוו״ – דער וועלטליכער נומער פון דער וואך. דאנערשטאג קומט אי״ה דער נומער פון פרשת וירא, מיט דער סדרה און די תורה׳דיגע שטיקער.

אין דעם נומער: ונבנתה העיר דערציילט די לעבנס-געשיכטע פון פרעזידענט אברהם לינקאלן פון אן אידישן בליק – מיט זיינע אידישע פריינט, און מיט׳ן שבת חול המועד פסח תרכ״ה, ווען מ׳האט אים אומגעברענגט. שטילע אינגערמאן פארט מיט אונז ארום אין בארא פארק, מיט די היימישע קאר-סערוויסעס און דערנאך מיט ״אובער״ – א פעליעטאן וואס די לייגער האבן ביי אים ״אויסגעפלאצט״ פון געלעכטער.

די דיסקוסיע פון דעם נומער איז א לאנגע, און זי איז עס ווערט: דריי טירן, איין קאר, און א פארום וואס קען נישט שלאפן. דער ״מאנטי האל פראבלעם״ האט שוין צעקריגט פראפעסארן פון מאטעמאטיק, און אין 2013 האט ער צעטיילט קאווע שטיבל אין צוויי מחנות. מיר ברענגען דעם אשכול כמעט אינגאנצן, אזוי ווי ער איז געווען.

ביי די קאלומס: ״סייענס פון די ארכיוון״ גייט אריין אין דוד הילבערט׳ס ״ענדלאזן האטעל״, וואס האט אלעמאל א פלאץ; ״היינט מיט X יאר צוריק״ בלעטערט צוריק צו דער זעלבער וואך אין פריערדיגע יארן; ״די תגובה פון דער וואך״ קומט פון קאווע טרינקער, וואס האט געזוכט א האטעל אויף שבת; א קליין ווערטערביכל פון קאווע שטיבל; און צום סוף – ווי יעדן מאנטאג – ״חידות פון די ארכיוון״.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. מיר האבן נאר מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו עפעס איז געווען צו לאנג, האבן מיר עס פארקירצט (דאס איז באצייכנט [פארקירצט]).

האט הנאה פון לייגען!

די רעדאקציע

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| ארטיקל | **פרעזידענט לינקאלן פון אן אידישן בליק** · ונבנתה העיר | **3** |
| ארטיקל | **העי, טעקסי!** · שטילע אינגערמאן | **6** |
| דיסקוסיע | **דריי טירן, איין קאר, און א פארום וואס קען נישט שלאפן** · יידל | **10** |
| קאלום | **דער האטעל וואס האט אלעמאל א פלאץ** · פארוואס? | **22** |
| קאלום | **די וואך, אמאל** · פארשידענע | **24** |
| קאלום | **״איך אליין קען מיך אויך נישט״** · קאווע טרינקער | **26** |
| קאלום | **א קליין ווערטערביכל פון קאווע שטיבל** · פארשידענע | **27** |
| קאלום | **חידות פון די ארכיוון** · מי אני, ונבנתה העיר, דיכטער און די חברים | **28** |

ארטיקל · היסטאריע

# פרעזידענט לינקאלן פון אן אידישן בליק

## דער "אויפריכטיגער עיב", זיינע אידישע פריינט, און א שבת חול המועד פסח אין 1865

קאווע שטיבל, "פה-סח" אויסגאבע (תשע"ו) · ונבנתה העיר · 2טן מאי 2016



אברהם לינקאלן, פאטאגראפירט פון אלעקסאנדער גארדנער אין וואשינגטאן, דעם 8טן נאוועמבער 1863 – צוויי וואכן פאר דער רעדע אין געטיסבורג. (פובליק דאמעין)

**אברהם לינקאלן איז אומגעברענגט געווארן אום שבת חול המועד פסח תרכ"ה. אין דער פסח-אויסגאבע פון קאווע שטיבל האט ונבנתה העיר געשריבן זיין לעבנס-געשיכטע – מיט די אידן וואס זענען אים געשטאנען נאנט.**

וויפיל פיס האט א הונט אויב דו רופסט זיין עק א פוס?

פיר, ענטפערט "האנעסט עיב" – זאגן אז אן עק איז א פוס מאכט עס נאך נישט פאר א פוס...

"האנעסט עיב" (דער אויפריכטיגער עיב-ראהאם) – דאס איז דער כמעט-אפיציעלער צונאמען מיט וועלכן פרעזידענט אברהם לינקאלן איז באקאנט. ער איז געווען אויפריכטיג ביז ווייטאג.

דאס יאר איז 1865, דער טאג איז דער 4טער מערץ, בלויז געציילטע וואכן איידער דער באליבסטער פרעזידענט אין דער היסטאריע וועט אומגעברענגט ווערן. טויזנטער מענטשן זענען פארזאמלט ארום די מייעסטעטישע טרעפ פונעם קאפיטאל-געביידע אין וואשינגטאן.

דער זעכצנטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן פייערט די איינשווערונג פון זיין צווייטן טערמין, אבער אויפ'ן סדר היום שטייט איין און איינציגע זאך: די ביטערע ציווילע קריג וואס צערייסט דאס לאנד.

די קריג, וואס האט זיך אנגעהויבן אין 1861, וועט זיין די טויטליכסטע קריג פאר אמעריקאנער – און נישט סתם די טויטליכסטע: ווען זי וועט זיך ענדיגן, וועלן אומגעקומען זיין בערך אזויפיל מענטשן ווי אין אלע אנדערע אמעריקאנער מלחמות צוזאמען – יא, אויך די צווייטע וועלט-קריג.

דער פרעזידענט שפירט אז די מעשה שמעקט מיט'ן טויט. נישט לאנג צוריק האט ער געזאגט פאר א פריינט אז די קריג שעפט אים אויס דאס חיות, און ער שפירט אז ער וועט זי נישט איבערלעבן. וואס ער ווייסט נישט, איז אז א קאלטבלוטיגער רוצח וועט אים דערשיסן בלויז עטליכע טעג נאכדעם וואס די קריג קומט צו אן ענדע.

און דער רוצח געפינט זיך היינט צווישן די פארזאמלטע. יא, דער אקטיאר און דרום-סטעיטס סימפאטיקער דזשאן בוט איז אויך געקומען הערן דעם פרעזידענט'ס רעדע. ער האט געכאפט א גוטן ארט אויפ'ן באלקאן, אביסל העכער פון וואו דער פרעזידענט שטייט, און הערט זיך צו צו יעדן ווארט.

## פון א הייזקע אין קענטאקי

אברהם לינקאלן איז געבוירן געווארן צו זיין טאטן און מאמען, טאמעס און נענסי לינקאלן, אין פעברואר 1809, אין אן איין-צימערדיגע הייזקע אין קענטאקי. ער איז אויפגעוואקסן אין א פשוטן שטייגער, כמעט אן קיין פארמאלע בילדונג – צו אלעם האט ער זיך אליין דערקראצט.

"ס'איז נישט קיין נפקא מינה ווי הויך דיין זיידע איז געווען; דו מוזט אליין וואקסן," וועט ער אמאל זאגן. אדער: "איך ווייס נישט ווער מיין זיידע איז געווען; איך בין אסאך מער באזארגט צו וויסן וואס זיין אייניקל וועט זיין."

לאנג איז ער געווען ווי דער גלות – גאנצע 6 פוס און 4 אינטשעס – און פאר שיינקייט איז מען נישט געקומען צו אים. זיין באקאנטע בארד האט ער זיך געלאזט וואקסן ווען ער איז געלאפן פאר פרעזידענט אין 1860, לויט דער עצה פון אן עלף-יעריג קינד פון ניו יארק, וואס האט אים געשריבן א בריוו אז עס וועט פארבעסערן זיין אויסזען. ווען מ'האט אים אמאל באשולדיגט אז ער איז א צוויי-פנים'דיגער, האט ער געענטפערט: "ווען איך וואלט געהאט א צווייט פנים, מיינסטו אז איך וואלט געטראגן דאס וואס איך טראג?"

אין 1854 איז ער געווען צווישן די וואס האבן אויסגעפארעמט די פריש-געגרינדעטע רעפובליקאנער פארטיי: "די רעפובליקאנער זענען פארביידע, דעם מענטש און דעם דאלער; אבער ווען די צוויי שטייען אין קאנפליקט – דער מענטש פאר'ן דאלער."

## אברהם קאהן'ס פאן

אברהם קאהן איז געבוירן געווארן אין דייטשלאנד. אין 1842 איז ער אוועקגעפארן זוכן זיין גליק אין דער נייער וועלט, און צוויי יאר שפעטער איז ער שוין געווען א סטאר-אייגנטימער אין שיקאגא. אין 1847 איז ער געווען איינער פון די פערצן גרינדער פון דער ערשטער קהילה אין גאנץ "מיד-וועסט". ווען לינקאלן איז דאס ערשטע מאל געלאפן פאר פרעזידענט, איז קאהן שוין געווען א הייסער שטיצער זיינער.

אויסצודריקן זיין שטיצע, האט קאהן געלאזט מאכן אן אמעריקאנער פאן פון זייד, און אויף די ווייסע שטרייפן האט ער אויסגעשריבן פסוקים פונעם ערשטן קאפיטל אין יהושע – "לא יתיצב איש לפניך כל ימי חייך... חזק ואמץ, אל תערוץ ואל תחת, כי עמך ה' אלקיך בכל אשר תלך" – און עס אפגעשיקט אלס א פערזענליכע מתנה פאר לינקאלן. דער פרעזידענט האט אים באלד צוריקגעשריבן א דאנק-בריוו.

## "אויף דער זייט פון גאט"

**"מיין זארג איז נישט צי גאט איז אויף אונזער זייט; מיין זארג איז אז מיר זאלן זיין אויף דער זייט פון גאט."**

בכלל איז לינקאלן געווען שטארק אויסגעקאכט אין תנ"ך, און ער פלעגט זיך כסדר באנוצן מיט די לשונות פון די פסוקים. "מיין זארג איז נישט צי גאט איז אויף אונזער זייט," האט ער געזאגט ווען מ'האט אים געפרעגט וועגן דער ציווילער קריג, "מיין זארג איז אז מיר זאלן זיין אויף דער זייט פון גאט."

ביי זיין געזעגענונג-רעדע אין אילינאי, אין 1861, ווען ער איז אפגעפארן קיין וואשינגטאן איבערצונעמען די פרעזידענטשאפט איבער א צעקריגט פאלק, האט ער געזאגט: "אן דער הילף פון יענעם געטלעכן באשעפער קען איך נישט מצליח זיין. מיט זיין הילף קען איך נישט דורכפאלן."

אין דער מלחמה קעגן קנעכטשאפט האט ער געטראכט פאר זיין צייט: "ווען נאר איך הער איינעם זיך אננעמען פאר קנעכטשאפט, שפיר איך א מורא'דיגן דראנג עס צו זען אויסגעפראוווט אויף אים אליין..."

## גענעראל גראנט'ס באפעל

דער באקאנטסטער מגע וואס לינקאלן האט געהאט מיט זיינע אידישע בירגער איז מן הסתם דער עפיזאד ווען זיין גענעראל, און שפעטער פרעזידענט, יוליסיס גראנט, האט אינמיטן דער קריג, אין 1862, ארויסגעגעבן זיין "גענעראל ארדער 11", אין וועלכן ער האט פארטריבן די אידן "אלס א קלאס" פון א געוויסער געגנט, נאכדעם וואס ער האט באשלאסן אז זיי שמוגלען פארבאטענע סחורה – דער איינציגער אפיציעלער אנטיסעמיטישער אקט אין דער היסטאריע פון די פאראייניגטע שטאטן.

ווי נאר דער פרעזידענט האט געהערט פון דעם שאנדפולן באפעל, האט ער גלייך געזען אז מ'זאל עס מבטל זיין. איינער פון די אידן האט דערציילט פון זיין שמועס מיט לינקאלן:

**לינקאלן** אהא, איז די בני ישראל זענען ארויסגעטריבן געווארן פונעם גוטן לאנד כנען?

**דער איד** יא, און דערפאר זענען מיר געקומען צום טאטן אברהם׳ס שויס, זוכנדיג שוץ...

**לינקאלן** און די שוץ זאלן זיי גלייך באקומען.

## פיר סקאור און זיבן יאר

די רעדע פאר וועלכער ער וועט געדענקט ווערן איז די רעדע אין געטיסבורג, אין נאוועמבער 1863, איינע פון די קורצסטע און שטארקסטע רעדעס אין דער היסטאריע. ״פיר סקאור (א סקאור = 20 יאר) און זיבן יאר צוריק האבן אונזערע עלטערן אויפגעשטעלט אויף דעם קאנטינענט א נייע פאלק, געבוירן אין פרייהייט, און געווידמעט דעם געדאנק אז אלע מענטשן זענען באשאפן געווארן גלייך,״ האט דער פרעזידענט אנגעהויבן. א קארגע צוויי מינוט שפעטער האט ער געענדיגט: ״...אז דאס פאלק, אונטער גאט, זאל האבן א נייע געבורט פון פרייהייט, און אז א רעגירונג פונעם פאלק, דורכ׳ן פאלק, פאר׳ן פאלק, זאל נישט פארגיין פון דער וועלט.״

דער היסטאריקער פראפעסאר מארק שאפערשטיין שלאגט פאר אן אינטערעסאנטע טעאריע: אז די בארימטע ווערטער ״פיר סקאור און זיבן יאר צוריק״ האט דער פרעזידענט געבארגט פון א רב. הרב שבתאי מורייס, געבוירן אין ליווארנו אין איטאליע, איז געווען רב אין דער קהילה ״מקוה ישראל״ אין פילאדעלפיא, א שטארקער קעמפער קעגן דער רעפארם-באוועגונג און א פייערדיגער אנהענגער פון לינקאלן.

דער 4טער יולי, דער אמעריקאנער יום העצמאות, איז אין 1863 אויסגעפאלן שבת שבעה עשר בתמוז, ווען נישט ווייט פון דארט איז געגאנגען די שווערע שלאכט ביי געטיסבורג און קיינער האט נאך נישט געוואוסט ווער עס געווינט. מ׳האט דעם רב געבעטן דרש׳ענען אויפ׳ן פסוק ״וקראתם דרור בארץ״, אבער ווייל עס איז געווען י״ז בתמוז, האט ער גערעדט אויפ׳ן פסוק ״יום צרה ותוכחה ונאצה היום הזה״. אינמיטן דער דרשה האט ער דערמאנט דעם יום העצמאות, ״וואס האט פיר סקאור און זיבן יאר צוריק געברענגט צו דער נייער וועלט ליכטיגקייט און פרייד״. דריי חדשים שפעטער האט דער פרעזידענט גענוצט דעם גענויען לשון פון דער שוין-געדרוקטער דרשה.

## שבת חול המועד פסח

פינף טעג פאר׳ן סוף, דעם 9טן אפריל 1865, האט זיך דער קאנפעדעראטישער גענעראל ראבערט לי אונטערגעגעבן צו גראנט. פרייטאג, דעם 14טן אפריל, ערלויבט זיך דער פרעזידענט א פריוואטע פארט ארום דער שטאט. ״דו ווייסט,״ דרייט ער זיך פלוצלינג אויס צו זיין ווייב, ״איך וואלט נאך געוואלט זען ירושלים פאר מיין טויט.״ סתם ולא פירש.

נאך לאנגע שלאפלאזע יארן פון קריג, ערלויבט מען זיך אביסל צו צעשטרייען. דער פרעזידענט איז איינגעלאדן אויף יענעם אוונט צו א פארשטעלונג אין ״פארד׳ס טעאטער״. דארט, אויף דער גאלעריע, איז דא א באזונדערער צימער פאר׳ן פרעזידענט. דוקא יענע נאכט פלאנט נאך איינער צו זיין אין דעם צימער: דער אקטיאר דזשאן בוט. ער קען גוט דעם בנין, און ער רעכנט אויס זיין אקט אויף א סעקונדע – ווען דער עולם צעלאכט זיך. לינקאלן ווערט געשאסן אין קאפ.

דער שטערבלעך-פארוואונדעטער פרעזידענט ווערט אריבערגעטראגן אין א הויז אויף דער אנדערער זייט גאס. צוליב זיין געוואלדיגער לענג לייגט מען אים אויף דער בעט אויף די קווער. די גאנצע נאכט ראנגלט ער זיך מיט׳ן טויט, און צוקאפנס שטייט דער אידישער דאקטאר טשארלס ליבערמאן, א רוסישער אימיגראנט, און נעמט נישט אראפ קיין אויג פון זיין פאציענט. עס העלפט נישט; 7:22 אינדערפרי, שבת חול המועד פסח, אטעמט אברהם לינקאלן דאס לעצטע מאל.

עס איז שבת אינדערפרי, דער דריטער טאג חול המועד פסח תרכ״ה. אין צאנז לויפט מען אין מקווה, און אין ניו יארק איילט מען זיך אין שול אריין. עס נעמט נישט לאנג און די שרעקליכע ידיעה דערגרייכט אומעטום. אין א שול אויף דער צוועלפטער גאס, באריכטעט די ״ניו יארק טיימס״, פרובירט דער רב צו זאגן אפאר ווערטער, אבער ער קען פון צער נישט צוקומען צום ווארט.

צוויי חדשים שפעטער שרייבט הרב שבתאי מורייס א בריוו, אז זיין קהילה האט צונויפגעשטעלט די סומע פון דריי הונדערט דאלער – א שיינע סומע אין יענע טעג – אויף א מאנומענט לזכרו פונעם פרעזידענט.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10425.html

ארטיקל · הומאר

# העי, טעקסי!

## א באָרא פּאַרקער איד פאָרט מיט די היימישע קאַר-סערוויסעס – און דערנאָך מיט "אובער"

קאָווע שטיבל, "פּה-סח" אויסגאַבע (תשע"ו) · שטילע אינגערמאַן · 13טן מאי 2016




**א ליכטיגער פעליעטאָן פון דער צווייטער "פּה-סח" אויסגאַבע, וואָס די ליינער האָבן, לויט זייערע אייגענע ווערטער, "אויסגעפּלאַצט" ביים ליינען. צום סוף: דעם מחבר'ס אייגענער "דיסקליימער".**

אן אַפּטע פאַרקומעניש ביי אונז אינדערהיים איז געוואָרן פרשת טעקסי. מיין ווייב באַנוצט זיך יעדן טאָג מיט לכל הפּחות צוויי טעקסיס, אויפ'ן וועג צו און צוריק פון דער אַרבעט; די קינדער נוצן אויך, ווען מ'דאַרף גיין איינקויפן אָדער אַמאָל צו א דאָקטער; און איך בין אויך גאָרנישט הינטערשטעליג. משוגע דאַרף מען זיין צו רירן די קאַר, אויב עס איז דיר געלונגען צו כאַפּן א פּאַרקינג וואָס איז אויסגעהאַלטן.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ס'איז געוואָרן א שרעקליכע פאַרקומעניש ביז לעצטנס. ס'ווייסט יעדער אז ווען מ'הייבט אויף דעם טעלעפאָן צו רופן "מונקאַטש" (נישט צו פאַרמישן מיט'ן חסידות) אָדער "אמונה", לויפט אַדורך א ציטער אין אַלע איברים, פון פּחד וואָס דער דיספּעטשער קען דיר אויסשעלטן סתם פאַר דער נישטיגקייט. (א זייטיגע באַמערקונג: אויב איר פאַרשטייט א וואָרט וואָס ער רעדט, קענט איר אַרבעטן אַלס איבערזעצער.)

דער טעלעפאָן-שמועס הערט זיך געוויינטליך עפּעס אַזוי:

מונקאַטש...
Yes?
Can I please have a car?
Nothing now.
(דיעל טאָון...)

דערנאָך רופט מען "אמונה". יענער הייבט אויף גלייך, אָבער שרייט אויף רוסיש צו איינעם פון זיינע דרייווערס וואָס שטייען אינדרויסן פון זיין כאַטקע אויף דער 51טער גאַס, און לייגט בכלל נישט צו קאָפּ אַז א קאַסטומער איז אויף דער אַנדערער זייט טעלעפאָן. נאָך א מינוט וואַרטן הערט מען:

Where you go?
I have to make 2 stops local.
Gimme address!

גיי ווייס די אַדרעס פון דער שולע און פון דער גראָסערי; אים איז נישט גוט אַז איך זאָג "קאָרנער 14טע און 38סטע", מ'דאַרף זאָגן א פּונקטליכע אַדרעס. שוין: "15 dollar, right away".

נישטאָ וועלער עס זאָל לאָבן. מיר ביידע ווייסן גוט וואָס "רייט אַוועי" מיינט. איך קען יעצט רואיג אַריינגיין אין שאָוער, זינגען פאַר צוואַנציג מינוט און אויפקאָכן א קאַווע. אָבער כ'בין דאָך א מענטש: וואָס טאָמער וואַרט ער מיר אַפּ איין מינוט – גייט מיר נישט גוט זיין.

כ'גיי אַרויס וואַרטן, און נאָך א האַלבע שעה וואַרטן אין דער פראָסט, ווי איינער וואָלט געוואַרט אויף דער בשורה טובה אַז ס'קינד איז אַרויס, קומט אָן א פיצל רויטע קאַר, אָנגעשריבן מיט קידוש-לבנה אותיות דער נאָמען און טעלעפאָן-נומער פון "אמונה", אַז יעדער זאָל וויסן: דאָ כאַפּט אַן איד א טעקסי.

כ'עפן די טיר פונעם אויטאָ און ס'וואָרט מיר נישט גוט. א שמעק נעמט מיר אַרום, און די זיץ איז איינגעוויקלט אין א געמיש ווי ער וואָלט דאָ אַפּגעהיטן א בענטלי. כ'האָב פאַרלוירן דעם טעם

פונעם טאג; כ'וויל שוין גארנישט, כ'דארף שוין גארנישט, כ'וויל נאר צוריק אהיים.

דער דרייווער אין א לעדערנעם מאנטל, נערוועז ווי ביים מצה-באקן, שילט אויף רוסיש יעדע דורכגייענדיגע קאר – און ויסעו. ביים ערשטן קארנער שפיר איך שוין ווי מיינע קישקעס טאנצן. ער פארט ווי א מטורף; ער זעט די רויטע לייט אבער פליט ווייטער, און דערנאך ברעקט ער ווי א בין-הזמנים בחור מיט א פערמיט. מיין נעכטיגע וועטשערע איז שוין אט-אט ביים האלדז. כ'וויל עפענען א פענצטער – אבער no way: די פענצטער קען נאר ער עפענען, מ'קען דאך נישט איבערגעבן די הייקעלע פענצטער אין דער רשות פונעם פאסאזשיר. גיי בעט אים ער זאל דיר עפענען, ווען ער קען ענגליש ווי איך תרגום אונקלוס.

ס'איז אויסנאם הייס, און ער שרייט אין ראדיא קולי קולות. כ'ווייז אים מיט דער האנט אז כ'דארף לופט; ער דרייט זיך ארום בייז – וואס שטערסטו מיר, זעסט נישט אז כ'רעד אויפ'ן סעל? – און שרייט: "!No, no, you crazy guy" שוין, כ'בין דא א האסטאזש. כ'שעפטש'ע א תפלה אז כ'זאל אנקומען אין איין שטיק צום ציל, און אז ס'זאל דארט זיין טיילעטנאל.

## "מיר ביידע ווייסן גוט וואס 'רייט אוועי' מיינט."

אזוי ווי כ'קום אן, זאגט ער "12 דאלער". כ'גיב אים א צוואנציגער, און ער הייבט אן ציילן רעשט פון סינגלס וואס כ'עקל זיך צו רירן. ביים פינפטן סינגל זאגט ער: "!Tip! Tip" כ'שווער זיך צו אז דאס איז עס: כ'וועל אנדערש גיין צופוס אין א דריי-פיס שניי קיין מאנסי, איידער פארן מיט די חברה א בלאק.

## אובער

מיט אפאר יאר צוריק האט א יונגערמאן מיט'ן נאמען טרעוויס קאלאניק, וואס איז געווען אין קאלעדזש לערנען קאמפיוטערס און ערגעץ ארויסגעפאלן, געגרינדעט א פירמע מיט'ן נאמען Uber. ער זיצט נישט אין אפיס און נעמט די קאל ווען שטילע רופט אריין; ער האט געמאכט אן עפ וואס שטעלט צוזאם דעם דרייווער מיט'ן פאסאזשיר.

כדי צו ווערן א דרייווער פאר אובער, דארף מען דורכגיין א שיעור טעסטן, סיי אויפ'ן גברא (דעם דרייווער) סיי אויפ'ן חפצא (די קאר). די קאר טאר נישט זיין עלטער ווי צען יאר, טאר נישט זיין אנגעשריבן אז ס'איז א טעקסי, דארף האבן באטש פיר טירן; דער דרייווער טאר נישט האבן קיין היסטאריע פון ווילד פארן, טאר נישט זיין ארעסטירט געווארן וכו'. בקיצור, אלעס וואס דער דרייווער פון "מונקאטש" אדער "אמונה" האט יא, טאר דער אובער-דרייווער נישט האבן.

איר קלאפט אריין "find location", און ס'קומען ארויף אלע אובער-קארס אין דער געגנט וואו איר זענט בנמצא, אויף דער באקאנטער שיינער גוגל-מאפע.

ס'איז פארהאן א פשוטע קאר, א שטייגער ווי א האנדא עקארד, אדיסי, סיענא; דערנאך איז פארהאן א מער פענסי קאר, ווי א סובורבן וגו', וואס קאסט אפאר פרוטות מער. אבער אמאל קענסטו באקומען א סקווירער שומרים-קאר, אפילו האסטו פארלאנגט א פשוטע Uber.

אין געוויסע געגנטער איז פארהאן א זאך וואס הייסט UberT. דאס מיינט: טאמער דארפט איר אנקומען, למשל, פון מאנהעטן צום JFK עירפארט, וואו לכאורה זענען דא אסאך מענטשן וואס זוכן דעם זעלבן "ראוט", קומט Uber און שטעלט צוזאם אפאר פאסאזשירן אינאיינעם, כדי אייך צו שפארן געלט.

אין אזא פאל קענען זיי אייך אמאל בעטן איר זאלט קומען צו דער הויפט-גאס און זיי אפווארטן דארט, א שטייגער ווי "קארנער סטאפס": וויבאלד מ'איז אנגעהאנגען אויף אפאר מענטשן, איז נישט גערעכט צו מאכן ווארטן דעם צווייטן. אויך איז דא אן אפציע פון "מעסענדזשער": טאמער ווילט איר פשוט שיקן א פעקל, איז דאס אויך אן אפציע – אבער דאס איז נישט אין קראפט אין אלע געגנטער.

פון ווען איר בעט א קאר, זעט איר אויף א שיינער מאפע פונקטליך וואו ער געפינט זיך און ווי ער דערנענטערט זיך, מיט א בילד פון דער קאר, פונעם דרייווער'ס פנים און פון דער רעגיסטראציע. איר קענט בלייבן זיצן באקוועם אויף דער סאפע, און ווען איר זעט אז ער איז שוין דא, כאפט איר דעם רעקל, גייט ארויס און שטייגט אריין. איר קענט זיך פארבינדן מיט'ן דרייווער דורך דער עפ, אדער דורך א פארצייטישן טעלעפאן-קאל, אדער דורך א טעקסט אין א פאל פון נויט, אדער סתם אים אנזאגן ער זאל ווארטן פונקטליך ביי אייער דרייוועי, און איר גייט ארויסקומען אין פינף מינוט.

אין מאנהעטן וועט דער דרייווער זיין ביי אייך שנעלער ווי אן ארבעטס-יונגערמאן דאווענט מנחה אויף זיין ברעיק.

דא איז נישט פארהאן אז דער דרייווער שיסט א פרייז לויט אייער בארד; דא איז אלעס כתוב וחתום. ער קען אייך נישט פארקויפן אז ער ווארט אינדרויסן פון אייער הויז שוין צען מינוט – אלעס זעט מען פונקטליך.

נאך איינע פון די מעלות: טאמער ווילט איר שיקן אייער ארבעטער ערגעץ וואו, און ער האט גערופן די קאר פון זיין עפ, קען ער אייך באקוועם אהיימשיקן דעם ביל, און איר קענט נעמען די קאסטן אויף אייך, צו אייער אקאונט. אזוי אויך קענט איר זיך צעטיילן האלב/האלב מיט וועמען אימער. אויך קענט איר שיקן אייער לאקאציע פון דער עפ צום ווייב וואס ווארט אייך אפ, זי זאל וויסן אז זי האט צען מינוט ביז מורינו שטילע קומט אן, און די סאפער זאל זיין גרייט אויפ'ן טיש. (מ'קען דאס טוהן דורך וואטסעפ אויך, אבער דא דארף מען פאמפען אובער, שששששש...)

איר קענט למשל זיצן אין אייער אפיס אין 11211 און רופן א טעקסי פאר אייער ווייב וואס געפינט זיך יעצט אין פלארידע און דארף וויכטיג אנקומען פונעם האטעל צום "בעל הארבער מאל" אויסקנאקן אייערע לעצטע פאר זלאטעס. איר קענט במשך דער גאנצער צייט מיטהאלטן די רייזע און זען פונקטליך וואו מ'האלט אינעם וועג, און אזוי אויסרעכענען אז איר האט נאך אפאר מינוט ביז די קרעדיט-קארטלעך גייען זיך סווייפן א מחיה.

## מסכת אובער

כ'האב אמאל געריפן אן אובער פאר מיין טאטן, א פארצייטישן איד. כ'האב אים אנגערופן אויפ'ן סעלפאון און געזאגט: "טאטע לעבן, יעצט ביסטו אויף קאלינס עוועניו, גלייך גייסטו זיך אריינדרייען אין 43סטע, באלד קומסטו אן צום בית המדרש – אבער יעצט כרגע שטייסטו ביי א רויטער לייט ביים קארנער." ער האט געמיינט ער שפרינגט ארויס פון דער הויט; ער האט נישט פארשטאנען וויאזוי איך האלט מיט אזוי פונקטליך.

ווען ער האט געענדיגט די רייזע, פרעגט ער דעם דרייווער וויפיל עס קומט זיך. דא האט זיך אנגעהויבן א שטיקל געפעכט. דער דרייווער זאגט: "כ'בין שוין באצאלט." מיין טאטע, פון אונגארישן אפשטאם, וויל נישט הנאה האבן פון א גוי, און זאגט: "Thanks, אבער כ'נעם נישט בחנם, כ'וויל באצאלן!" יענער זאגט ווידער אז ס'איז שוין באצאלט, און מיין טאטע האט זיך געשפארט מיט אים, נישט מסכים געווען, ביז ער האט מיך אנגערופן. גיי לערן מיט א פארצייטישן איד מסכת אובער.

אחרון אחרון חביב: כ'האב שוין געשריבן אסאך אין שטיבל איבער קאסטומער-סערוויס, און איך האב אפילו געעפנט אן אשכול דערויף, און ס'איז טאקע אריין אין די ארומע פון סוכות.

א מענטש מוז זיין פאראנטווארטליך פאר זיין ארבעט; א מענטש קען נישט טוהן אן ארבעט און דערנאך נעלם ווערן אין דער דינער לופט. מ'דארף יענעם קענען "טרעקן"; יענער דארף האבן וואס צו פארלירן, טאמער פירט ער זיך נישט אויף כנהוג, אדער טאמער ער מאכט א שוואכע דזשאב.

און דאס איז וואס געפעלט מיר ביי אובער: יעדער דרייווער ארבעט מיט א "רעיטינג". דאס מיינט, איידער איר בעט די קאר, קענט איר זען וויאזוי אנדערע פאסאזשירן האבן אפגעשאצט דעם דרייווער.

דער דרייווער ציטערט דערפון פחד מוות, פשוט ווייל איר שטייגט אריין אין א קאר פון איינעם וועמען איר קענט נישט, און א שוואכער רעיטינג קען מיינען אז יענער איז א שמוציגער יונג – און ס'קען פונקט אזוי מיינען אז בסך הכל איז זיין קאר געווען שמוציג פון אינדרויסן. אבער איך, למשל, וועל קיינמאל נישט אויסקלויבן א דרייווער וואס האט נישט קיין פולע 5 שטערן.

ווייל דער דרייווער האט מורא דערפון, טוהט ער פאר אייך אלעס שייך כדי איר זאלט זיין הונדערט פראצענט צופרידן. למשל: די קאר איז אייביג אויסגעפוצט ריין, מבפנים ומבחוץ; געווענליך, טאמער איז די רייזע א לענגערע, וועט ער אייך פרעגן צי איר ווילט מוזיק, און ער וועט צושטעלן די מוזיק וואס איר גלייכט, פון פאפ ביז קלאסיש.

טאמער וועט דער דרייווער זען אז איר זענט ביזי און רעדט אויפ'ן סעל, וועט ער זיצן איינגעהאלטן, און נישט חלילה רעדן אויף זיין סעל אדער אייך שטערן מיט סיי וואס. ער וועט זיך אין יעדן פאל רעכענען מיט אייך, איר זאלט האבן א געשמאקע רייזע. טאמער ווילט איר עיר-קאנדישאן, וועט ער עס תיכף אנצינדן – נישט ווי ביי "אמונה", וואו א דרייווער האט מיר אמאל פארלאנגט 2 דאלער עקסטרע.

איינע פון די הונדערטער מאל וואס כ'האב זיך באנוצט מיט אובער, איז מיין סעל געווען אין א קריטישן צושטאנד און געהאלטן ביי כלות הנפש. דער דרייווער האט מיר זאפארט אנגעבאטן א טשארדזשער פאר'ן טעלעפאן, נאכ'ן זען אז איך מוטשע זיך. דאס וואלט קיינמאל נישט געשען אין די סרוחה'דיגע מונקאטש, טשורדש, אמונה.

נאך א גרויסע מעלה: ווען איר ענדיגט די נסיעה, דארפט איר נישט קלעטערן אין קעשענע פאר א פינפער מיט אפאר סינגלס. איר ווינטשט אייער שאפער א גוטן טאג און שטייגט ארויס פון דער קאר; דאס געלט גייט אראפ פונעם קרעדיט-קארטל אויטאמאטיש. דערנאך בעט מען אייך איר זאלט אפשאצן דעם דרייווער; דאכט זיך, איר מוזט יענעם אפשאצן, איר קענט עס נישט איבערשפרינגען.

## אובער היינט

אובער ארבעט כהיום כמעט איבער דער גאנצער וועלט, און זיכער דארט וואו איר גייט אמאל אנקומען. עס לויפט אין איבער 400 שטעט, און די מספרים שטייגן נאר. יעדע פארשטופטע שטאט וואס איר קענט אויף דער מאפע האט אובער אין קראפט א גרויסן שטאב קארס: פון פוילן, מעקסיקא, אויסטראליע, כינע, אינדיע...

זיי האבן כהיום איבער 350 טויזנט דרייווערס אין די פאראייניגטע שטאטן אליין – דאפעלט פון א יאר פריער. ס'הערשט שוין דער סלענג "I'll Uber to you around 5 o'clock", א בחינה פון "I'll google it for you".

אובער צעטיילט זיך מיט'ן דרייווער: צוואנציג פראצענט פאר אובער און אכציג פראצענט פאר'ן דרייווער. דער דורכשניטליכער דרייווער אין ניו יארק מאכט בערך 30 דאלער א שעה. לויט געוויסע שטודיעס זענען זיי גאנץ צופרידן מיט דער דזשאב: זיי קענען ארבעטן ווען זיי ווילן, און דארפן נישט אריינפאנטשן דאס קארטל; רוב דרייווערס זענען פארט-טיים ארבעטער.

אובער צאלט נישט פאר קיין קאר, גאז, טאלס, אינשורענס וכו'. זיי געבן ניטאמאל די אפציע צו געבן א טיפ נאך דער נסיעה, און דאס געפעלט נישט די דרייווערס. זיי זאגן אז אין א שטודיע וואלט א מענטש צוגעלייגט א דאלער צוויי אויף דער עפ נאכ'ן ענדיגן די נסיעה, איידער צו געבן מזומן נאכדעם וואס די נסיעה

האט זיך געענדיגט. פשוט: טאמער מ'צאלט, גיט מען א טיפ, אבער אליין צו פרעגן א טיפ איז נישט עטיש.

אבער מיינט נישט אז דער CEO זיצט אויפ'ן סקווירער רבי'נס שטול און עסט זכר-באנדלעך. ס'האט זיך גענומען א "מומענט" פון suing Uber: ער האט יעדן יום הקריאה נאך א מענטש וואס נעמט אים אין קאורט. און דאס איז חוץ וואס "אלע" גרויסע שטעט האבן אים געפרובירט צו פארמאכן, ווייל ער ברענגט אראפ די ביזנעס פון די געלע טעקסיס, ווי למשל ביי אונז אין ניו יארק. אין אסאך שטעט זענען אפילו געווען גרויסע ראליס, וואו די טעקסי-דרייווערס האבן פארמאכט די הייוועי' אלס מחאה; אבער ס'האט זיי נישט געהאלפן קיין פודנו ומצילנו – זיי קענען גיין האקן בערן אויפ'ן ים סוף, פשוט ווייל די גאנצע זאך ווערט געפירט אויפ'ן וועב, און דער עולם, דרייווערס און קאסטומערס, טרעפן זיך אן פרעגן קיינעם צוויי מאל.

ווען באקאנטע לייט, ווי סעלעבריטיס, האבן זיך אויסגעדריקט קעגן אובער, האט אובער געצאלט גרויס געלט פאר אטוירנים און אינוועסטיגעטארס צוריקצוכאפן יענעם פערזענליך. זיי זענען ווילדע חברה, און האבן שנעל געשטעלט א טאן: "שטיי אוועק פון מיר, טשעפע א צווייטן".

זיי האבן אויך געהאט שווערע לא-סוטס פון פריוואטע מענטשן [פארקירצט], אבער די קאמפאני איז געווען באווארנט: זי האט נישט גענומען די דרייווערס אלס ארבעטער, נאר געמאכט קאנטראקטן מיט'ן דרייווער, אזוי אז וואס אימער עס פאסירט איז נישט איר אחריות. און אזוי האבן זיי זיך אויך אויסגעדרייט פון צאלן "טיים און א האלב" פאר אווערטיים.

איינמאל איז געווען אז א דרייווער אין סאן פראנציסקא איז איבערגעפארן א מאמע מיט צוויי קינדער, און געהרג'עט איין קינד אויפ'ן פלאץ. די משפחה האט זיך גענומען צו אובער'ס ביינער. אובער האט גלייך ארויסגעלייגט א סטעיטמענט אז מ'האט תיכף צוגענומען פונעם דרייווער די ערלויבעניש צו פארן, און אז זיי האבן אים גוט "געסקרינט" איידער ער איז אנגענומען געווארן, און געזען אז ער איז ריין פון א פשע. למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער דרייווער איז יא שוין אמאל ארעסטירט געווארן פאר "רעקלעס דרייווינג", נאר ס'איז געווען מיט 7 יאר צוריק, און קאליפארניע ערלויבט נישט א פריוואטער קאמפאני נאכצוגיין א מענטש מער ווי 7 יאר. אין יענעם פאל האט אובער געמאכט א "סעטלמענט" מיט דער משפחה, אויף א סכום וואס איז נישט באקאנט פאר המון עם. ב'גלייב ס'איז געווען היפש מער ווי ס'קאסט די זכות פון שער-שרייבער אויפ'ן תלמוד תורה בנין.

א שווערע קאורט-קעיס שפילט זיך אפ די טעג: אסאך אובער-דרייווערס האבן זיך צוזאמגענומען און סו'ען אובער, און פארלאנגען מ'זאל זיי צאלן הוצאות ווי גאז וכדומה. אובער האט פארלאנגט אז דער דזשאדזש זאל אפשטופן דעם קעיס, אבער מ'האט זיי אפגעזאגט. אין א סטעיטמענט האבן זיי געזאגט אז קיין דרייווער איז נישט קיין אנגעשטעלטער, נאר מ'מאכט א קאנטראקט מיט'ן דרייווער; והא ראיה: יעדער קען דרייווען ווען ער וויל, און איז נישט געבונדן צו שעות. דער אטוירני פאר די דרייווערס האט געענטפערט אז ס'מאכט נישט אויס צי זיי זענען פארט-טיים אדער נישט – למעשה זענען זיי "עמפלויד". Time will tell.

די קאמפאני איז ווערט כהיום צווישן 60 און 70 ביליאן דאלער – יא, יא, איר האט גוט געהערט, ביליאן מיט א ב. דאס מיינט אז די קאמפאני איז היינט ווערט מער ווי קאסטקא, האנדא, טיים-ווארנער קעיבל; און פארגעסט נישט, די אלע קאמפאניס דרייען זיך שוין פון מתושלח'ס צייטן, בשעת אובער איז כהיום נאך נישט "געטרעינט" אויף ביהכ"נ אין די נאכט-שעה'ן.

אנגעהויבן האט ער מיט "פאנדינג" פון 200 טויזנט אין יאר 2010 – בערך וויפיל ס'קאסט א קוואדראט-פוס אין בארא פארק. אין יענעם יאר האט ער שוין געמאכט רווחים פון איבער א מיליאן, און א יאר שפעטער שוין 44 מיליאן. טרעוויס קאלאניק, דער CEO, ווערט געשאצט אויף איבער 6 ביליאן דאלער, און די נומערן טוהן נאר שטייגן.

בלייבט איבער צו בענטשן כלל ישראל: אידישע קינדער זאלן זיין גרויסע ביליאנערן, זאלן זיין גרויסע עשירים! מרדכי איז דאך א גלגול פון יעקב... אמת, ר' מאיר, איר זענט מסכים צו האבן אזויפיל געלט ווי טרעוויס? אמת?? איר אויך...? יא???? ר' משה, איר אויך... ר' משה קען אויך באשטיין צו האבן אזויפיל געלט ווי טרעוויס.

דער אויבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין עשירות ביי אידישע קינדער, אידישע קינדער זאלן זיין ביליאנערן! (קרעדיט: אב"ד קרית יואל והגלילות.)

## דיסקליימער פונעם מחבר

א ווארט צו מיינע אידישע ברידער, אשריהם, וואס פארמאגן נישט קיין "סמארטפאון": איך וויל נישט חס ושלום אז דורך מיינע רייד זאלט איר באקומען חשק איינצוהאנדלען אזא טעלעפאן. גלייבט מיר אויפ'ן ווארט: אובער איז נישט אזוי גוט, און די בארא פארקער טעקסיס זענען נישט אזוי שלעכט ווי איך האב זיי דא אראפגעלייגט – מ'דארף דאך מאכן דעם ארטיקל קאלירפול. און געדענקט: היטן די תורה איז נישט אלעמאל באקוועם; אמאל מיינט עס פארן א קורצן וועג מיט נישט דער באקוועמסטער קאר. נו, נישט די ערשטע זאך וואס מיר טוהן פאר אידישקייט.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10487.html

דיסקוסיע · דיסקוסיע

# דריי טירן, איין קאר, און א פארום וואס קען נישט שלאפן

## דער "מאנטי האל פראבלעם" אויף קאווע שטיבל

קאווע שטיבל, סייענס-פארום ("דער מאנטי האל פראבלעם") | יידל (עפנער), און די חברים

1טן – 6טן יאנואר 2013 (מיט צוגאבן ביז 2021)




**עס איז דא א חידה וואס האט שוין צעקריגט פראפעסארן פון מאטעמאטיק. אין 2013 איז זי אנגעקומען אויף קאווע שטיבל, און אין עטליכע שעה איז דער פארום געווען צעטיילט אין צוויי מחנות. דא איז יענער אשכול כמעט אינגאנצן, מיט די ניקס פון די שרייבער, און מיט די צוגאבן פון שפעטערע יארן.**

**יידל** 1טן יאנואר 2013

לו יצויר איינער ווייזט מיר דריי טירן (#1, #2 און #3) און זאגט מיר אז אונטער איין טיר איז דא $10,000 און אונטער די צוויי אנדערע איז ליידיג. אויב עפן איך אויף די טיר צו די $10,000 איז עס מיינע. איך זאג אים אז איך גיי עפנען טיר #1. אבער נאך פאר איך עפן אויף די טיר, גיט ער אן עפן אויף טיר #3 און ווייזט מיר אז אונטער דער טיר איז ליידיג. איז יעצט די שאלה זאל איך בלייבן מיט מיין אלטע אויסוואל פון טיר #1 אדער האב איך מער שאנסן צו באקומען די $10,000 אויב טויש איך צו טיר #2?

**משה געציל**

במשקל הראשון וואלט איך געזאגט אז עס איז לכאורה זיכער אונטער טיר #1. ווייל אויב עס איז נישט דארטן, וואס האט אים אויסגעפעלט צו עפענען טיר #3 נאכדעם וואס איך האב שוין מחליט געווען צו עפענען טיר #1.

אבל לאחר העיון איז דא א סברא פונקט פארקערט, יענער וויל אז דו זאלסט נישט טוישן דיין מיינונג און עפנען טיר #2 ממילא ווייזט ער אז האסט טאקע גוט צוגעטראפן אז עס איז נישט אונטער #3, און וועל טאקע אויס #1, איי אפשר מאכט ער אויך דעם זעלבן חשבון, אלא מאי עס ליגט טאקע אונטער טיר #1 און ער וויל נאר איך זאל טראכטן אז עס ליגט נישט דא און איך זאל עפענען טיר #2, וחוזר חלילה כגלגל החוזר וכו'.

**געפילטע פיש**

ער האט געעפענט טיר 3 כדי זאלסט מיינען אז ער וויל אז דו זאלסט טוישן, און ממילא וועסטו בלייבן ביי טיר איינס.

אבער לעצם השאלה, לאז ארויס די נגיעה פונעם ווייזער, לו יצויר אז ער האט נישט קיין נגיעה אויב דו געווינסט אדער נישט, וואס איז די פראבאבילִיטי אז טיר איינס איז ריכטיג, און וואס איז די פראבאבילִיטי אז ס'איז נישט ריכטיג?

**משה געציל**

למשל, די טיר האט זיך געעפנט פון זיך אליינטס? פריער איז געווען א 33% שאנס אז עס איז אונטער טיר #1 און א 66% שאנס אז עס איז נישט דארט, יעצט איז דא א 50% שאנס אז עס איז יא דארט און א 50% שאנס אז עס איז נישט דארט, ממילא זענען זיכער די שאנסן גרעסער אז דיין אויסוואל איז ריכטיג.

**יידל**

כ'פארשטיי נישט וואס משה געציל שרייבט. ווען אלע טירן זענען פארמאכט האב איך 1/3 שאנס צוצוטרעפן די געלט. איינמאל די טיר איז אפן האב איך 50% שאנס אז עס איז אדער אונטער #1 אדער אונטער #2 אלזא פארוואס זאל איך בלייבן מיט מיין אויסוואל?

**געפילטע פיש**

דאס איז די טעות, ווען האט זיך עס געטוישט פון 33.3 צו 50? ס'דא א 1/3 טשאנס אז ס'איז אין טיר #1 און א 2/3 שאנס אז ס'איז נישט אונטער טיר #1, נא, ענדיג צו...

**משה געציל**

עס איז דא א גורל צווישן דריי מענטשן יעדער האט א 1/3 טשאנס אז איך גיי געווינען, איינער פון די דריי צעטליך - נישט מיין- איז ארויסגעפאלן פאר'ן גורל איז דא 1/2 טשאנס אז איך זאל געווינען, ריכטיג? ה"ה בנידן דידן, ווען איך ווייס פאר זיכער אז עס איז נישט אונטער טיר #3 איז די טשאנס אז עס זאל זיין אונטער טיר #1 ארויפגעגאנגען פון 1/3 צו 1/2.

**יידל**

איז וואס קומט למעשה אויס? לויט משה געציל איז בעסער אז מ'בלייבט מיט #1 און לויט געפילטע איז וואס?

**משה געציל**

פארוואס האסטו מתחילה מחליט געווען אז עס ליגט אונטער טיר איינס, סתם צו פראבירן דיין מזל? גלייכטס שטארק דעם ציפער איינס? איך זע נישט קיין סיבה פארוואס עס זאל טוישן דיין באשלוס יעצט אז דו ווייסט אז עס ליגט נישט אונטער טיר דריי.

**יידל**

אקעי, איינס איז נאר א משל. די פוינט איז: איך האב אויסגעקליבן איין רענדאם טיר (לצורך משל: #1), דער געלט-טיילער עפנט אויף איינע פון די צוויי אנדערע טירן (לצורך משל: #3) און ווייזט מיר אז אונטער יענער טיר איז גארנישט דא, און גיט מיר די אפציע פון טוישן מיין פריערדיגע אויסוואל. זאל איך נעמען די אפציע און טוישן אדער בלייבן מיט דער אלטער אויסוואל? וועלכע האט יעצט מער שאנסן צו האבן די געלט אונטער זיך?

**געפילטע פיש**

איך מיין ס'נישט דומה צו א גורל, ווי די צעטליך זענען אויסגעמישט, שטעל דיך פאר ס'דא דריי צעטליך, קאר, ציגעלע, און ציגעלע, אויף דריי עקסטע טישן, דו וועלסט אויס טיש נומער איינס, וואס זענען די שאנסן אז דו האסט געוועלט א צעטל וואס שטייט קאר? איינס אין דריי, וואס זענען די שאנסן אז דו האסט געוועלט א צעטל וואס שטייט ציגעלע? צוויי אין דריי, אזוי אויך וואס זענען די שאנסן אז דו האסט נישט אויסגעוועלט קאר און דער קאר צעטל ליגט אויף איינער פון די אנדערע טישן? אויך צוויי אין דריי, קומט אויס אז אויב בלייבסטו ביי טיש נומער איינס האסטו ווייטער אן איינס אין דריי שאנס, אבער טאמער טוישסטו צו צוויי האסטו א צוויי אין דריי שאנס.

די פראבאבילעטי פון פריער טוישט זיך נישט פון שפעטערדיגע געשעהנישן.

יידל, פרעג נישט וואס געפילטע האלט ווייל כ'האב דאס נישט אליין אויסגעפיגורט, און איך האב עס אויך נישט איינגאנצן ארויס, אפשר קענסטו עס בעסער מסביר'ן.

**משה געציל**

איך האב פארשטאנען אז עס איז נאר לצורך המשל, ווען איך האב געשריבן איינס האב איך אויך נאר געמיינט לצורך המשל און נישט אז דו גלייכסט דעם ציפער איינס מער.

אבער לגוף השאלה, איז די שאלה דוקא אין אזא פאל ווען איינער מיט א נגיעות האט געעפנט די טיר און ער זאגט דיר אז דו קענסט טוישן דיין אויסוואל, אדער ווי געפילטע האט עס אראפגעלייגט אן דעם וואס איינער האט זייטיגע אינטערעסן?

**יידל**

כוונתי בראשונה איז געווען אזוי ווי געפילטע, אז דער יעניגער האט נישט קיין זייטיגע אינטערעסן (פשוט ווייל מיר אינטערעסירט מער דער מאטעמאטישער חלק און נישט דער סברא'דיגער חלק).

**ונבנתה העיר**

איך בין נישט זוכה צו פארשטיין דעם צד אז די טשאנסן זענען געבליבן ווי פריער, אז יעצט איז דער מדובר צווישן צוויי טיהרן האט יעדער פון זיי א פופציג פראצענט טשאנס, ניין?

געפילטע, כ'מיין אז דו רעדסט מער פילאזאפיש, אודאי ווערט זיין ערשטע בחירה אין טיהר איינס נישט געטוישט למפרע, אבער ווען ער איז יעצט נאכאמאל בוחר אין איהר האט ער פופציג פראצענט אויף זיין זייט.

והגע בעצמך, אויב גיבסטו טיהר איינס ווייניגער ווי פופציג, וואו לייגסטו די איבריגע פראצענטן יעצט אז טיהר דריי איז אוועקגעפאלן?

**געפילטע פיש**

די פראצענטן פון טיר דריי גייען צו טיר צוויי.

**משה געציל**

וואס הייסט די פראצענטן פון טיר דריי גיין צו צוויי? ווען דו האסט ווען לכתחלה נאר אן אויסוואל פון צוויי טירן איז פשוט אז ביידע האבן א פופציג פופציג טשאנס, וואס איז

אנדערשט ווען עס איז געווען דריי טירן און איינס איז ארויסגעפאלן?

**געפילטע פיש**

יא יא, כ'האב אבער נישט געוואלט לינקען און אזוי ארום אוועקגעבן דעם תירוץ, אבער אויב שוין יא, לאמיר פראבירן מסביר'ן אויף אידיש.

לאמיר דאס אנקוקן אביסל אנדערש, גלייך אנהויב געים ווען דו האסט געפיקט 1#, איז דא א 33% שאנס אז דו האסט אויסגעוועלט די קאר, און א 66% שאנס אז דו האסט אויסגעוועלט א ציג, יעצט עפענט דער חברה'מאן אויף די טיר צו אנטפלעקן א ציג הינטער איר.

יעצט איז דא צוויי אפציעס, טוישן, און בלייבן.

אויב בלייבסטו ביי דער זעלבער טיר, און דו טוישט נישט, מאכט שוין נישט קיין חילוק וועלכע ער עפענט, און וועלכע נישט, ווייל דו בלייבסט דאך סייווי ביי דער ערשטער טיר, און דו בלייבסט מיט דיינע 33% פראצענטן צו געווינען דעם קאר.

קומט אויס אז אויב האסטו די ערשטע מאל געפיקט די קאר, אן איינס אין דריי פראבאביליטי, דאן בלייבסטו מיט די זעלבע שאנס שפעטער.

טאמער אבער דו טוישט יא, וואס איז אויב דו פיקסט די קאר די ערשטע מאל, (אן איינס אין דריי פראבאביליטי), דאס ווען דו וועסט טוישן, וועסטו אנקומען צו א באבערדעלטן ציגעלע, טאמער אבער וועלסטו אויס א ציגעלע צום ערשט, (א צוויי אין דריי שאנס, 66.6%), דאן וועט דער חברה'מאן עפענען די טיר צום אנדערן ציגעלע, און אז דו וועסט טוישן וועסטו באקומען די קאר.

היוצא לנו מכל זה איז אז דורך טוישן האסטו א 66.6 פראצענט שאנס אהיימצופארן מיט א נייעם קאר.

**יאיר**

א דאנק פאר'ן ערקלערן דעם מערקווירדיגן פאראדאקס. איך מיין אבער אז דאס איז נאר אן אילוזיע, ווייל באמת איז נישטא עכט קיין שאנסן פאר יעדע טיר, כלפי שמיא גליא אז דער קאר איז אונטער דער ספעציפישער טיר וואו עס איז 100% שאנס, און אונטער די אנדערע צוויי טירן איז 0% שאנס, די שאנסן וואס מיר נוצן איז נאר פאר דעם מענטש וועלכער ווייסט נישט וואו דאס איז. ממילא ווען די סיטואציע פון 'נישט וויסן' האט זיך געטוישט, מוז ער ריעוועלויעיטן דעם חשבון. איז דער ענטפער ריכטיג?

**גלות יוד**

דאס דערמאנט מיר די פראבלעם פון כל דפריש מרובה פריש ביים גורל פון אויסלייזן די לוויים אנשטאט די בכורים אין פרשת במדבר א גאנצע מהפיכה אין די מפרשים, ווייל עס איז געווען מער בכורים ווי לוויים און 300 (עפעס אזוי) האבן געדארפט געבן געלט פדיון, און די אנדערע 22000 האבן געהאט א לוי, האט מען געמאכט א גורל ווער באקומט א לוי און ווער דארף צאלן, האט מען געלייגט 22000 צעטלעך "לוי" און 300 צעטלעך "פדיון" ווערט די שאלה דער ערשטער מענטש האט סאך מער טשאנסן (יודיש?) צו ארויסנעמען א לוי ווי א פדיון ווייל כל דפריש מרובה פריש וכו' איך לאז איבער פאר אונזערע גאונים צו גיין ווייטער

**יאיר**

גלות יוד, איך מיין אז יעדער האט מער שאנסן צו ארויסנעמען א לוי צעטל ווי א פדיון צעטל, נישט נאר דער ערשטער.

טשענסעס אויף אידיש איז שאנסן.

**געפילטע פיש**

ס'נישט קיין אילוזיע, קאמפיוטער סימיולעישענס איבערגעשפילט מערערע מאל האבן אויפגעוויזן אז ס'איז פאקטיש אזוי.

צו אילוסטרירן לאמיר געבן נאך צוויי דוגמאות.

1) אנשטאט דריי טירן לאמיר זאגן אז ס'דא מאה שערים, הונדערט טירן, ווען דער שפילער וועלט אויס איין טיר האט ער אן איין פראצענט שאנס צו געווינען דעם קאר, יעצט גייט דער בעל הטירן אויפמאכן 98 טירן און איבערלאזן נאר טיר נומער 7# פארמאכט, אלע 98 אנטפלעקן ציגן, יעצט איז די שאלה אויב דער שפילער זאל טוישן צו 7# אדער בלייבן מיט זיין איין פראצענטיגע 1# טיר.

2) לאמיר רעדן פון א קארד געים, די Ace of spades איז אנשטאט די קאר, און דערנאך איז דא צוויי פשוטע קארטליך, צווי רויטע צוויי'ס, מ'מישט אויס די דריי קארטלעך, און מ'געבט איין קארטל פאר'ן שפילער, מיט'ן פנים אראפ, דער שפילער ווייסט נישט וואס פאר א קארטל ער האט באקומען, יעצט נעמט מען אוועק פון די צוויי געבליבענע קארטלעך איין רויטע צוויי, און מ'קוקט ווי ס'דא א בעסערע שאנס די Ace of Spades זאל זיין, גיי אוועק פון קאווע שטיבל א מינוט, נעם ארויס די קארטליך, (אדער קען זיין זיי זענען נאך אינדרויסן פון חנוכה) און שפיל דאס איבער א צען צוואנציג מאל און קום צוריק און זאג מיר די ריזאלטס. שאנסן זענען אז די עיס אוו ספעידס איז דאס לעצטע קארטל צו בלייבן ביים דיעלער און נישט דאס ערשטע קארטל וואס מ'האט געגעבן פאר'ן שפילער.

אויב מאטעמאטישע איקוועזשענס פארשטייסטו בעסער דאן דאס איז די קאלקיולעישען וואס ווייזט אויף אז טוישן האט א 2/3 שאנס צו געווינען די קאר.

(זארגט נישט, איך פארשטיי עס אויך נישט)

**יידל**

יא געפילטע דאס איז דער ריכטיגער תירוץ, און ס'ביי מיר געווען פשוט אז דו ביסט נישט אליינס אויפגעקומען דערמיט ווייל ריזיגע פיזיקער און מאטעמאטיקער האבן זיך אויך טועה געווען דערין און זיי האבן נישט געקענט מודה זיין אין דעם ריכטיגן תירוץ אפילו נאכדעם וואס עס איז אויפגעוויזן געווארן שווארץ אויף ווייס. געוויסע האבן אפילו געשריבן קאמפיוטער פראגראמען און זענען געווען שאקירט אז די פראגראם האט אויך געוויזן אז געפילטע פיש איז גערעכט!

(דער ריכטיגער תירוץ איז צום ערשט געענטפערט געווארן דורך מארילאן וואן סעוועגט די פרוי מיט דעם גרעסטן איי-קיו אין דער וועלט פון 1986 ביז 1989, לויט גינעס ווארלד בוק אף רעקארדס. אין 1990 האט די גינעס ווארלד בוק מער נישט דאקומענטירט דעם מענטש מיט דעם גרעסטן איי-קיו זאגנדיג אז אן איי-קיו טעסט איז נישט קיין ריכטיגע מעסטער פון א מענטש'ס קלוגשאפט.)

די מאנטי האל פאראדאקס איז א חידה וואס דער תירוץ דערויף איז פונקט פארקערט פון וואס דער שכל זאגט. דער שכל (סברא) זאגט אז ווען מ'קליבט אויס טיר נומער 1# איז עס א 33% שאנס פון געווינס און 66% שאנס פון פארלוסט. דערנאך ווען דער געלט-טיילער עפנט אויף טיר 3#, ווערן די שאנסן אייניג צעטיילט צווישן טיר 1# און טיר 2# דערפאר דארף לכאורה אויסקומען אז מ'פארדינט גארנישט פון טוישן און טיר איינס האט די זעלבע שאנסן ווי טיר צוויי. עד כאן וואס סברא זאגט, און נישט נאר מיין און משה געציל'ס סברא נאר אויך די גרעסטע קעפ אין מאטעמאטיקס.

דער ריכטיגער תירוץ איז אבער אז די שאנסן פון טיר 1# בלייבן ביי 33% אבער די שאנסן אז די געלט ליגט אונטער טיר 2# זענען 66%! ווי איז דאס מעגליך? פאר מיר וועלן זען דעם הסבר, דארף מען דאס אויפווייזן. לאמיר זען אלע מעגליכקייטן וויאזוי ס'שייך די געלט מיט די ליידיגע טירן זאלן זיין אויסגעשטעלט (אגב, די אריגינעלע פראגע איז אויסגעשטעלט מיט א קאר און צוויי ציגן, כ'האב עס במכוון פארדרייט כדי אז געניטע גוגל'ערס זאלן נישט כאפן די מעשה, אבער מה נעשה אז מיר האנדלן דא מיט באנעפייד חכמים און נישט בלויז גוגל-חכמים...)

אופן א: טיר 1# - געלט; טיר 2# - ליידיג; טיר 3# - ליידיג

אופן ב: טיר 1# - ליידיג; טיר 2# - געלט; טיר 3# - ליידיג

אופן ג: טיר 1# - ליידיג; טיר 2# - ליידיג; טיר 3# - געלט*

*(פארשטייט זיך אין אופן ג האט דער געלט געבער געעפנט טיר 2 און נישט די טיר מיט די געלט)

אין אנדערע ווערטער, די געלט מוז ליגן אונטער איינער פון די דריי טירן. יעצט לאמיר באטראכטן יעדן פאל באזונדער און זען וואס וואלט פאסירט ווען מ'בלייבט מיט טיר 1# און וואס וועט פאסירן ווען מ'טוישט צו טיר 2#:

אופן א: בלייבן = געלט; טוישן = ליידיג

אופן ב: בלייבן = ליידיג; טוישן = געלט

אופן ג: בלייבן = ליידיג; טוישן = געלט

לויט דעם קומט אויס אז אויב בלייבט ער איז דא 66% שאנס ער זאל זיך טרעפן ביי א ליידיגע טיר און בלויז א 33% שאנס ער זאל באקומען די געלט. משא"כ אויב טוישט ער איז דא א 66% שאנס ער זאל טרעפן די געלט און בלויז א 33% שאנס אז ער זאל זיך טרעפן ביי א ליידיגע טיר.

וואס איז דער הסבר אז עס איז טאקע אזוי? עס זענען דא אפאר וועגן וויאזוי דאס מסביר צו זיין, איך האב די מערסטע געגליכן און פארשטאנען סעסיל עדעמס הסבר (און אגב, ער האט אויך קודם זיך טועה געווען אבער ער פארענטפערט זיך אז ער האט אויך אפגעלערנט די שאלה אזוי ווי משה געציל, אז דער געלט-טיילער וויל דא פאר'נאר'ן דעם טיר-עפענער, און עדעמס טענה'ט אז אין אזא פאל זענען די שאנסן יא 50-50.

זאגט ר' סעסיל אזוי: לו יצוייר מיר האבן די זעלבע דריי טירן און אונטער איינע פון זיי באהאלט זיך די געלט. דו קלויבסט אויס טיר 1#. יעצט זאגט דיר דער געלט-טיילער אז דו האסט די פאלגענדע אפציע: אדער בלייבסטו מיט טיר 1#, אדער קענסטו עפענען טיר 2# און 3# צוזאמען. וועלכע האט מער שאנסן? אודאי די צווייטע אפציע! ווילכער נאר וואלט ווען נישט אויסגעקליבן אפציע נומער 2? די מאנטי האל פראגע איז בעיסיקלי די זעלבע זאך. דער געלט טיילער זאגט דיר, דו קענסט דיך האלטן מיט דיין טיר אדער קענסטו אויסקלויבן נאך צוויי טירן, איינס פון זיי האט זיכער נישט די פרייז וועלכע איך וועל עפענען פאר דיר.

אן ענליכער הסבר:

ווען דו קלויבסט אויס טיר נומער איינס, איז דא א 1/3 מעגליכקייט אז די געלט איז דארט. דאס מיינט אז די מעגליכקייט אז עס ליגט אונטער 2 און 3 איז 2/3 (דאס הייסט אויף צוויי און דריי קוק איך צוזאמען יעצט וויבאלד קעגן דער איין טיר וועלכע דו האסט יא אויסגעקליבן זענען זיי א גרופע פון צוויי טירן וואס דו האסט נישט אויסגעקליבן און די מעגליכקייט אז עס ליגט אונטער דער גרופע טירן איז 2/3). דאס מיינט אז עס איז 66% אז די געלט ליגט אונטער טירן 2-3.

ווען דער געלט טיילער עפנט אויף טיר 3# מיינט אז דער טיר-עפענער האט באקומען א ניי שטיקל אינפארמאציע נעמליך, אז אונטער טיר נומער 3 איז עס נישט. ווען דער טיר-עפענער מאכט יעצט א פשוט'ן חשבון ווי פאלגנד:

די מעגליכקייט אז די געלט איז נישט אונטער טיר 1# (און יא אונטער טירן 2-3) איז 2/3 - 66%.

דער פאקט איז אז אונטער טיר 3# איז עס נישט.

אז מ'שטעלט צוזאם די צוויי שטיקלעך אינפארמאציע איז דער סך הכל קלאר: די העכסטע שאנסן זענען אז די געלט ליגט אונטער טיר 2#.

פאר מער איבער דעם הסבר, און נאך אפאר וועגן וויאזוי מסביר צו זיין (כולל סעסיל עדעמס' הסבר) לייגט דא.

דאס איז דוכט זיך א מיספארשטענדעניש אין וואס פראבעבילעטי איז. אודאי וועל איך אדער יא באקומען דאס געלט אדער נישט, אבער די מציאות איז אז אויב וועט די געשיכטע זיך איבערשפילן 99 מאל און איך וועל יעדעס מאל טוישן צו טיר 2# וועל איך 66% מאל באקומען דאס געלט און אויב איך וועל נישט טוישן טירן וועל איך נאר 33% פון די פעלער באקומען דאס געלט.

--

געפילטע האקט, מסתמא איז ער קלארער מסביר וואס כ'זאג, לאמיך ליינען.

### משה געציל

יישר כח געפילטע און יידל פאר'ן אזוי שיין צונעמען די זאך. וואס איך פארשטיי נישט איז פארוואס קומט נאך די דריטע טיר בכלל אריין דא אין בילד אז מען זאל זאגן אז די

פאסעבילדיטיס ווערן נאך אלטס צעטיילט אין חלקים פון דריי.

די סעקונדע וואס דער מאדירעטאר האט געעפנט טיר #3 און א זיס ציגעלע האט זיך אנטפלעקט, איז שוין נתברר געווארן אז אונטער טיר #3 איז נישט דא א קאר. איינמאל דאס איז נתברר געווארן איז שוין בכלל נישט שייך צו צעטיילן די זאך אין דריי נאר אין צוויי, הגם ווען ער האט לכתחלה געוואלט עפענען די טיר איז יא געווען דא א 1/3 דיון, למעשה איינמאל די דריטע טיר איז ארויסגעפאלן פונעם שפיל איז יעצט דא א 1/2 דיון, וואס גייט מיר אן אז בשעת'ן קלויבן די ערשטע טיר איז געווען דא א דריטע טיר?

**געפילטע פיש**

פארדעם האב איך געשריבן וועגן ציגעלעך אין מיין תגובה, זאלסט נישט מיינען אז איך מאך מיך כאילו איך בין אליינס אויפגעקומען מיט'ן תירוץ.

א מכה! מיט דיין כח ההסברה קען איך מיך נישט פארמעסטן.

**געפילטע פיש**

דאס איז טאקע פארוואס ס'שווער צו פארשטיין, אבער מיט דעם הסבר וואס יידל שרייבט איז זיך עס בעסער משבר אויפ'ן אוזן.

**יאיר**

יש"כ יידל פאר'ן מסביר זיין דעם ענין. איך פארשטיי אבער נישט דעם הסבר פון סעסיל, ווען איך בלייב מיט דער ערשטער טיר האב איך דאך אויך כאילו געעפנט צוויי טירן, דעם ערשטן מיט'ן דריטן, דארף דאך אויך זיין א 66 שאנס אז עס איז אין איינער פון די צוויי טירן?

**ונבנתה העיר**

נישט בחינם האט דיך געכאפט א בענקעניש צו די ציגעלעך...

איך פארשטיי אז מען רעדט אז ער ווייזט מיר אויך וואס עס געפינט זיך אונטער יענע טיהר [ראה לקמן וואס עס דרוקט מיר בזה].

דאס איז א גזירת הכתוב?

אויב איז מיין בחירה אין טיהר 1 א בחירה נמשכת, און נאך מיין בחירה פון א מינוט צוריק האט מען ארויסגענומען טיהר 3 פונעם ספק, פארוואס זאל מיין יעצטיגע בחירה נישט זיין א ספק - און ממילא שאנס - 50 50 צווישן טיהר 1 און 2?

אגב חריפותך האסטו מקצר געווען, ומקוצר דעת המשיג האביך דעם שטיקל נישט פארשטאנען.

עס שטערט מיר אבער אן אנדער נקודה, וואס וועט זיין אויב דער האוסט עפענט טיהר 3 וואו עס איז דא א ציג, דער גאנצער עולם קען עס זעהן חוץ מיר, מצידי איז עס נאך א ספק צווישן דריי טיהרן, וועט יעדער מודה זיין לכאורה אז עס בלייבט א 33 פראצענט שאנס.

און אויב וויל מען זיך דינגן בציור הנ"ל, טראכטס פון אזא ציור: דער האוסט האט נישט געעפנט קיין שום טיהר, אבער דער מסדר הפראגראם ווייסט אונטער וועלכער טיהר ער האט געלייגט די קאר און אונטער וועלכער די ציגן, וועט עטץ אלע מודה זיין אז דער שפילער האט א 33 פראצענט שאנס? לכאורה יא.

קומט אויס אז דער איינציגסטער שינוי ביי אונזער חקירה איז די ידיעה פונעם שפילער, אז ער איז אויך אריין אינעם קלאב פון די וואוסענדיגע וואס טוהט זיך אפ אונטער טיהר 3, איז ווי אזוי קען א ידיעה בעלמא טוישן שאנסן וואס זענען, לכאורה, א דבר עצמי, א זאך וואס מען קען אויסרעכענען אויף פאפיר וויפיל צדדים איז דא אז ס'זאל זיין כך וכך?

ואולי מיינט דאס החכם יאיר:

-----

דער עולם האקט, איך שיק.

**יאיר**

דאס האב איך געמיינט ונבנתה, ומהאי טעמא פארשטיי איך נישט יידל'ס תירוץ צו מיין שאלה.

למעשה זעט מיר אויס אז דאס איז סך הכל א שפיל אויפ'ן ווארט 'טוישן'. ווען מען רעדט פון טוישן אדער בלייבן מיינט מען צו זאגן בלייבן ביים ערשטן אדער קלויבן איינע פון די צווי: די צווייטע אדער די דריטע. אבער באמת טראכט מער קיינער נישט פונ'ם דריטן, און צווישן דעם ערשטן מיט'ן צווייטן האבן ביידע אן אייניגע פופציג פראצענט שאנס.

**משה געציל**

איך כאפ נישט מיט וואס עס דערהערט זיך בעסער, ווען איך ווייס נישט וואס עס איז דא אונטער קיין איינער פון די טירן און איך האב די אפציע צו קלויבן צווי צוזאמען אנשטאט איינס, אוודאי נעם איך די 2/3 אנשטאטס די 1/3. אבער יעצט אז איך ווייס אז טיר #3 האט א ציגעלע פארנעמט נישט די טיר מער קיין 1/3 חלק אינעם שפיל אז טיר #1 זאל ווייטער בלייבן ביים זעלבן 33% שטאפל.

**יידל**

אין דעם לינק וועלכן כ'האב אנגעגעבן איז ער מסביר דעם ענטפער אויף דיין קושיא ווי פאלגנד:

די שאלה מאכט מענטשן טראכטן - בטעות - אז נאכ'ן עפענען טיר דריי בלייבט דער טיר עפענער מיט אן אפציע צווישן צווי טירן, טיר #1 אדער טיר #2. דאס איז אבער אן אילוזיע. וויבאלד יעדע טיר קומט מיט א "היסטאריע" פון אינפארמאציע, און דאס עפענען טיר #3 גיבט צו גינסטיגע אינפארמאציע לטובת טוישן צו טיר #2, איז דער געדאנק אז עס איז א בחירה בלויז צווישן טיר #1 און #2 נישט ריכטיג. און זיינע ווערטער:

it has to be said that the game scenario is a very cunning one, cleverly designed to lead the unsuspecting player astray. It gives the impression that, after Monty has opened one door, the contestant is being offered a choice between two doors, each of which is equally likely to lead to the prize. That

would be the case if nothing had occurred to give the contestant new information. But Monty's opening of a door does yield new information. That new information is primarily about the two doors not chosen. Hence the two unopened doors that the .contestant faces at the end are not equally likely They have different histories. And those different .histories lead to different probabilities

**ונבנתה העיר**

פארוואס אבער טיילט זיך נישט די גינסטיגע אינפארמאציע גלייך אויף גלייך צווישן טיהר 1 און 2?

**יידל**

ווייל טיר איינס האט ער מעיקרא אויסגעקליבן און דאן איז עס געווען 1/3 שאנס. טיר צוויי קלייבט ער אויס נאכדעם וואס ער כאילו באקומט די מעגליכקייט פון עפענען צוויי טירן אויפאמאל.

**ונבנתה העיר**

און אויב וואלט ער מעיקרא גארנישט געקליבן, ער שטייט נאר און באטראכט שטילערהייט אלע דריי טיהרן, פלוצלינג עפענט זיך טיהר 3 און עס באווייזט זיך א ציג, ערשט יעצט טוהט ער זיך אן דאס גארטל און ער גייט בוחר זיין, וועסטו מסכים זיין אז ער האט א 50 50 שאנס? אויב יא, ביי אונזער מעשה, ווי אזוי קען די ערשטע בחירה טוישן די שאנסן פון שפעטער פאר דער איינער סיבה אז ער האט ארויסגעזאגט אפאר ווערטער פון מויל?

**יידל** 2טן יאנואר 2013

ר' ונבנתה דו פארפעלסט די קריטישע נקודה אז אין די מאנטי האל פראבלעם/פאראדאקס האט דער עפענער פון דער טיר געוואוסט צו עפענען די טיר וועלבע האט די ציג אונטער זיך, נישט עס האט זיך פערצופאל געגעבן אן עפן אויף א טיר אונטער וועלכער א ציג איז געווען ודו"ק (ווייל דייקא דעמאלטס העכערט עס די שאנסן בלויז פאר טיר #2).

**יואליש**

איך האב אלס געהאלטן אז א שליסל צום ענטפער איז אז דער טיר עפענער האט א ידיעה ווי די קאר ליגט, און באזירט אויף דעם מאכט ער זיין באשלוס צו ער זאל עפענען טיר 2 אדער טיר 3. אויב די קאר ליגט אונטער טיר 2 וועט ער דירעקט נאר עפענען טיר 3, אויב די קאר ליגט אונטער טיר 3, וועט ער דירעקט נאר עפענען טיר 2, אויב די קאר ליגט אונטער טיר 1 וועט ער עפענען אדער טיר 2 אדער טיר 3 אן א ספעציעלער סיבה איינס איבער ס'אנדערע. העט ער ווען אלעמאל געעפענט רענדאמלי א טיר, און צומאל טאקע אנטפלעקט די קאר, וואלט נישט געווען קיין חילוק צו מ'בלייבט מיט דער ערשטער אפציע אדער מ'טוישט. דאס מיינט אז די מעלה פון טוישן איז ווייל דער טיר עפענער האט דיר געגעבן מער אינפארמאציע. דאס עפענען טיר נומער דריי אדער צוויי, און דירעקט אויסמיידן די טיר מיט די קאר מאכט אז די צווייטע טיר האט די 2/3 וועליו.

**יאיר**

ענדליך. דאס איז דער שליסל צום פראבלעם. דער עפענער קען נאר עפענען די טיר פון דער ציג, אין אנדערע ווערטער, דאס אז זי האט געעפנט די דריטע טיר און נישט די צווייטע טיר מאכט שטערקער די סברא אז אונטער דער צווייטער ליגט עס. עס צו גרינגער מאכן, שטעל זיך פאר אז עס זענען דא א מיליאן טירן, אונטער אלע זענען דא ציגן אויסער איינע וואו ס'איז דא א קאר. דו כאפסט אן איין טיר, און דו האסט גאר א שוואכע שאנס צו געווינען, איינס אין א מיליאן. יעצט גייט איינער פון דער אנדערער זייט און ער מאכט צו איין טיר נאכ'ן צווייטן, ביז נאר איין טיר (אויסער די וואס דו כאפסט אן) בלייבט פארשפארט. וועסטו אודאי גיין עפענען יענע טיר, ווייל אז ער האט עס נישט געעפנט מסתם ליגט דארט דער קאר. (די טיר וואס דו כאפסט אן קען ער דאך נישט עפענען, ווייל דעמאלט צופאלט דער גאנצער שפיל). דא קענט איר זען אן אילוסטראציע פון דעם הסבר.

----

יואליש האקט

**יואליש**

כד הווינא טליא האב איך זיך געטענה'ט מיט א קאזין (צוויי קינדער) פאר וואכן איבער דעם. כ'האב אים נישט געקענט מסביר זיין אז ער זאל עס פארשטיין ביז כ'האב עס אויסגעשפרייט צו 100 טירן בצירוף מיט'ן דעטאל אז דער יעניגער עפענט עס מיט א ידיעה און מאכט זיכער נישט צו עפענען די טיר.

יאיר, האסט עס זייער גוט אפגעשריבן. יידל האט זיך געפעדערט צו מיר, כ'האב פשוט נישט אפגעליינט אלע תגובות.

**ונבנתה העיר**

יאיר, דו בויעסט צופיהל אויף פסיכאלאגיע, יידל האט דאך מוכיח געווען אז דאס איז ריין מאטעמאטיש:

**יאיר**

איך האב עס מסביר געווען אויף א פסיכאלאגישן אופן כדי עס זאל זיין גרינגער צו פארשטיין, אבער פאקטיש, אויב וועלן מיר אננעמען אז דער עפענער האט נאר געקענט עפענען איינע פון די צוויי איבערגעבליבענע טירן, און ער האט נאר געקענט עפענען די טיר מיט דער ציג, קומט מאטעמאטיש אויס אז די שאנסן פון דער צווייטער טיר זענען געווארן העכער. עס האט גארנישט מיט דעם וואס דער בוחר האט אויסגעקליבן די ערשטע טיר, עס האט מיט די צוויי אויבנדערמאנטע פאקטן. כאילו עס וואלט אראפגעפאלן א

שטיין ביי דער ערשטער טיר וואס דער עפענער קען נישט רוקן, און א צווייטער שטיין אויף דער טיר פארנט פונ'ם קאר.

**ונבנתה העיר**

איך האב עס נאכגישט ארויס, וועל איך עס מוזן איבערשלאפן.

**sunbar**

וואו איז דער טיר?

**ונבנתה העיר**

אינעם העברעאישן וויקיפדיה איז עס אסאך בעסער און קלארער אויסגעשריבן, ער רעדט אויך ארום דארט דעם חילוק פונעם שפילער און א גאסט וואס איז אריינגעקומען אינעם זאל נאכדעם וואס מען האט געעפנט די דריטע טיהר.

בתוך דבריו שרייבט ער אפאר שורות, וואס הגם עס פארענטפערט מיר נאכנישט מיינע פראבלעמען, לייגט זיך עס עפעס אפ אין קאפ, וז"ל:

אין אידיש:

יענער האט דאך געעפנט א טיהר וואו עס געפינט זיך א ציג, ממילא צי עס לוינט זיך צו טושן פון טיהר 1 צו טיהר 2 ווענדט זיך אין וועלכן פרייז דו האסט אויסגעקליבן ווען דו האסט לכתחילה בוחר געווען אין טיהר איינס, אויב ליגט דארט א ציג לוינט זיך צו טושן ווייל סיי טיהר איינס און סיי טיהר דריי האבן ציגן, אויב אזוי ליגט די קאר אונטער טיהר 2 און מען דארף טושן, אבער אויב האט טיהר איינס, אין ווערמען דו האסט לכתחילה בוחר געווען, א קאר, דעמאלטס ליגט אונטער טיהר צוויי א ציג און עס לוינט נישט צו טושן.

אויב אזוי דארף מען נאר מברר זיין וואס איז מער מסתבר אז דו האסט בוחר געווען דעם ערשטן מאל, כדי צו וויסן צי עס לוינט זיך צו טושן, און אזוי ווי דו האסט געהאט א צוויי אין דריי שאנס בוחר צו זיין דעם ערשטן מאל אין א ציג, און נאר אן איינס אין דריי שאנס בוחר צו זיין אין א קאר, קומט אויס אז 2 פון 3 זאגט אז מען דארף טושן.

**שימעלע**

יידל'ס חשבון איז ריכטיג אבער מ'דארף נאך אלץ ציקומען צי א טיפערן הסבר. ווייל אויבן אויף איז שווער אז אופן א: קען מען ציטיילן אין צוויי 1: דער געלט געבער עפענט אויף טיר #3 2: ער עפענט אויף טיר #2 (אזוי ווי אופן ג: טושט פון אופן ב:).

קומט אויס אז ס'איז צוויי געווינען און צוויי פארלוירן.

אבער באמת זענען דא זעקס אופנים

לאמיר עס אנרופן דוגמא א

אופן א: טיר #1 - געלט; טיר #2 - ליידיג; טיר #3 - ליידיג. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #2

אופן ב: טיר #1 - געלט; טיר #2 - ליידיג; טיר #3 - ליידיג. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #3

אופן ג: טיר #1 - ליידיג; טיר #2 - געלט; טיר #3 - ליידיג. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #2

אופן ד: טיר #1 - ליידיג; טיר #2 - געלט; טיר #3 - ליידיג. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #3

אופן ה: טיר #1 - ליידיג; טיר #2 - ליידיג; טיר #3 - געלט. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #2

אופן ו: טיר #1 - ליידיג; טיר #2 - ליידיג; טיר #3 - געלט. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #3

און די רעזולטאטן וועלן זיין

אופן א: בלייבן = געלט; טוישן = ליידיג

אופן ב: בלייבן = געלט; טוישן = ליידיג

אופן ג: אויס שפיל

אופן ד: בלייבן = ליידיג; טוישן = געלט

אופן ה: בלייבן = ליידיג; טוישן = געלט

אופן ו: אויס שפיל

קומט אויס אז ס'איז דא 50/50 פראצענט טשאנס

אבער דאס איז נאר ריכטיג ווען דער געלט געבער ווייסט נישט ווי די געלט ליגט, אבער ווי אויבן ארויסגעברענגט רעדט זיך עס דא אז ער ווייסט יא און ער וויל נישט אז די שפיל זאל זיך ענדיגן סא אופן ג: וועט ער זיכער מאכן צי עפענען טיר #3 און די זעלבע ביי אופן ו: וועט ער זיכער מאכן צי עפענען טיר #2

קומט אויס אז מ'וועט עס דארפן אויסשטעלן אזוי

דוגמא ב

אופן א: טיר #1 - געלט; טיר #2 - ליידיג; טיר #3 - ליידיג. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #2

אופן ב: טיר #1 - געלט; טיר #2 - ליידיג; טיר #3 - ליידיג. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #3

אופן ג: טיר #1 - ליידיג; טיר #2 - געלט; טיר #3 - ליידיג. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #3-ווייל ער וויל נישט די שפיל זאל זיך ענדיגן

אופן ד: טיר #1 - ליידיג; טיר #2 - געלט; טיר #3 - ליידיג. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #3

אופן ה: טיר #1 - ליידיג; טיר #2 - ליידיג; טיר #3 - געלט. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #2

אופן ו: טיר #1 - ליידיג; טיר #2 - ליידיג; טיר #3 - געלט. און דער געלט געבער עפענט אויף טיר #2-ווייל ער וויל נישט די שפיל זאל זיך ענדיגן

און די רעזולטאטן וועלן זיין

אופן א: בלייבן = געלט; טוישן = ליידיג

אופן ב: בלייבן = געלט; טוישן = ליידיג

אופן ג: בלייבן = ליידיג; טוישן = געלט

אופן ד: בלייבן = ליידיג; טוישן = געלט

אופן ה: בלייבן = ליידיג; טוישן = געלט

אופן ו: בלייבן = ליידיג; טוישן = געלט

קומט אויס אז מיט'ן טוישן איז דא א צוויי דריטל טשאנס צי געווינען.

אין אנדערע ווערטער אין דוגמא א ווען ער עפענט טיר #3 קען נאר זיין אופן ב: און ד: 50/50 (ווייל אופן ו: ענדיקט די שפיל)

און אין דוגמא ב ווען ער עפענט טיר #3 קען זיין אופן ב: ד: און ו: מיט'ן טוישן איז דא צוויי דריטל טשאנס צי געווינען.

**יאיר**

למען האמת, ווען יידל האט געפרעגט די פראגע צום ערשטן מאל האט ער נישט צוגעלייגט די צוויי תנאים אז דער עפענער קען נישט עפענען די טיר וואס דער בוחר האט אויסגעקליבן, אדער די טיר פונ'ם קאר. די צווייטע נקודה קען מען אליין פארשטיין, ווייל מען רעדט דאך דוקא אויף אזא מציאות אז ער האט געעפנט די ציג טיר, אבער די ערשטע נקודה פעלט לגמרי פון דער פראגע, און דעריבער האבן זיך דא מערערע געבראכן קאפ ווי אזוי אן אויסוואל פון א מענטש קען טוישן א מציאות.

**משה געציל**

זייער שיין שימעלע, פון אלע הסברים איז מיר דיינס דאס מערסטע געפאלן.

**יידל** 3טן יאנואר 2013

חברינו היקר משה געציל שליט"א האט מיר פארגעשלאגן אין אישית אז מיר זאלן פרובירן צו שפילן דעם מאנטי האל שפיל דא אין אשכול און זען די רעזולטאטן. איך בין גרייט עס צו פרובירן און איך וועל אנהייבן מיט ראונד 1.

איך שטעל ארויס דא דריי טירן, און אונטער איינע פון די דריי געפינט זיך א ווירטואלער קאר. עס וועט ארבעטן אין 3 סטעפס:

• סטעפ 1: קלויב אויס א טיר און שיק מיר אריין די אויסוואל אין אישית. (לדוגמא, אויב קלויבסטו אויס טיר 1, שיק מיר אן אישית מיט די ווערטער "טיר 1").

• סטעפ 2: דערנאך וועל איך עפענען א טיר מיט א ציג אונטער איר (אין אנדערע ווערטער, איך וועל צוריקשיקן אן אישית מיט די נומער פון א טיר וואס האט אונטער זיך א ציג), און כ'וועל געבן די אפציע צו טוישן טירן.

• סטעפ 3: די אויסוואל - צו טוישן אדער נישט טוישן- שיק מיר דערנאך אין אישית (לדוגמא, אויב באשלוסטו נישט צו טוישן, שיק מיר אן אישית מיט די ווערטער "איך טויש נישט").

נאך וואס גענוג חברים וועלן שפילן, וועט מען טוהן איינע פון די פאלגענדע אפציעס: אויב וועט זיין אן אייניגע נומער פון חברים וואס האבן אויסגעקליבן יא צו טוישן טירן און נישט צו טוישן טירן דאן וועל איך ארויסגעבן די רעזולטאטן. אויב אבער וועלן נישט זיין קיין אייניגע נומער וואס האבן געקליבןביידע מעגליכקייטן, וועלן מיר גיין צו ראונד 2 און מ'וועט בעטן יעדן צו טוישן זייער באשלוס פון פריער, דאס הייסט אז אויב מ'האט אין ראונד 1 געטוישט זאל מען יעצט נישט טוישן און אויב האט מען אין ראונד 1 נישט געטוישט זאל מען אין ראונד 2 נישט טוישן.

**[פארקירצט]**

**יאיר**

וואו גייט מען קענען פארן מיט דעם ווירטואלן קאר? איך האף אז נישט אראפ פון וועג.

**יידל**

עס איז א פרי קאנטרי, ע'סט קענען טוהן מיט'ן קאר כל מה שלבך חפץ.

**יאיר**

איך פרעג, ווייל איך ווייס אז מיט'ן אינטערנעט אליין קען מען שוין אנקומען צום שאול תחתית. איך קען זיך נישט פארשטעלן וואו מען קען אלץ אנקומען מיט א קאר, אפשר אויף א טריפ צום כף הקלע?

**יידל**

פרעג שוין נישט אזויפיל קושיות, און נעם דיך צום שפיל.

**מאטי** 4טן יאנואר 2013

is #3 Yeedl I understand that the host, by picking #2 indeed increasing the chance for

but the host also knows whats in # 1 and that's also a ,or not in the first place #3 trigger if he should open .based on his motives to the receiver

Unless the game is that he must always open a door after the pick, regardless of what lies behind the door .that was picked

**יידל**

ייש"כ פאר'ן אינטערעסאנטן ארטיקל! אויב געדענק איך גוט איז די נעקסטע וואך צוויי געווען ויכוחים צווישן דעם שרייבער פונעם ארטיקל און ליינער וואס האבן אריינגעשריבן צי ס'מעגליך אדער נישט.

דערווייל האבן שוין 5 חברים אנטיילגענומען אינעם שפיל. רופט אייך אן ווארעם און נעמט אויך אנטייל!

**יידל** 6טן יאנואר 2013

אקעי, די רעזולטאטן זענען אריין!! מיר האבן געהאט ניין חבירים וואס האבן מיטגעהאלטן.

אין ראונד 1 איז די קאר געווען געפארקט אונטער טיר 2.

• ונבנתה העיר האט אויסגעקליבן 1 און איז געבליבן מיט דער אויסוואל נאכדעם וואס כ'האב געעפנט פאר אים טיר 3

• משה געציל האט אויסגעקליבן 3 און איז געבליבן מיט דער אויסוואל נאכדעם וואס כ'האב געעפנט פאר אים טיר 1

• שימעלע האט אויסגעקליבן 1 און איז געבליבן מיט דער אויסוואל נאכדעם וואס כ׳האב געעפנט פאר אים טיר 3

• א חבר האט אויסגעקליבן 3 און איז געבליבן מיט דער אויסוואל נאכדעם וואס כ׳האב געעפנט פאר אים טיר 1

• אנאנים האט אויסגעקליבן 2 און האט געטוישט צו 3 נאכדעם וואס כ׳האב געעפנט פאר אים טיר 1

• געפילטע פיש האט אויסגעקליבן 2 און איז געבליבן מיט דער אויסוואל נאכדעם וואס כ׳האב געעפנט פאר אים טיר 1

• נאך א חבר האט אויסגעקליבן 1 און האט געטוישט צו 2 נאכדעם וואס כ׳האב געעפנט פאר אים טיר 3

• לאדיך אפ האט אויסגעקליבן 1 און האט געטוישט צו 2 נאכדעם וואס כ׳האב געעפנט פאר אים טיר 3

moti107 האט אויסגעקליבן 1 אבער ער האט מיר קיינמאל נישט צוריקגעשיקט צי ער וויל טוישן צי נישט.

מיר האבן למעשה דריי קאר געווינער: געפילטע פיש, נאך א חבר און לאדיך אפ. געפילטע וואלט פארלוירן אויב ער טוישט אבער נאך א חבר און לאדיך אפ האבן געוואונען דייקא וויל זיי האבן געטוישט. פון דער צווייטער זייט, ונבנתה, משה געציל, שימעלע, א חבר וואלטן אלע געוואונען ווען זיי טוישן ווען יא אבער אנאנים האט פארלוירן דייקא וויל ער האט געטוישט.

moti107 וואלט ווען געוואונען ווען ער טוישט און ער וואלט ווען פארלוירן ווען ער בלייבט.

בלייבן מיר אזוי: 6 פון 9 (אלע שפילערס חוץ געפילטע און אנאנים) פארדינען פון טוישן בעת נאר 2 פון 9 (געפילטע און אנאנים) פארלירן פון טוישן.

קאנגרעטולאטונס צו די געווינער!

**געפילטע פיש**

די קאר האב איך שוין, האסט עפעס אנדערש?

**יידל**

די קאר איז געמאכט צו האבן צוויי דערפון.

**געפילטע פיש**

וואס, ס׳צעברעכט זיך אזוי שנעל? שוין זאל זיין, וועלמער רייטן אויף א מאזאראטי פויגל-שטייג.

**יאיר**

איך האב שוין כמה פעמים געשריבן אז דאס מוז זיין א ספעציעלע קאר צו אנקומען צום כף הקלע, ווייל מיט׳ן אינטערנעט אליין קען מען שוין אנקומען צום שאול תחתית. זיי נישט קיין נאר, געפילטע, כאפ עס מיטביידע הענט.

**משה געציל**

יישר כח יידל! דאס טייטשט לאסיקא שמעתתא אליבא דמציאות!

**הוגה** 9טן יוני 2013

איך האב יעצט צום ערשטן מאל אדורכגעליינט דעם אשכל, עס איז געווען גאר אינטערעסאנט צו זעהן ווי א יעדער פארשטייט דעם פאראדאקס און זיין לעהזונג מיט אן אנדער מהלך. דאס איז דאך פשט אין די ׳כך אין דעותיהם שוות׳.

איז גם אני אענה חלקי, מיט׳ן הסבר ווי עס איז ערקלערט געווארן אינעם פאראדאקס בוך וואס יאיר האט אראפגעברענגט.

לאמיר רעדן פון דעם משל אז עס זענען דא דריי טירן. אונטער איין טיר איז דא א קאר און אונטער די אנדערע צוויי איז דא א ציגעלע. דער שפילער קלויבט אויס טיר נומער איינס, און דערנאך עפנט דער האוסט אויף טיר נומער צוויי און צייגט אז דארט איז דא א ציגעלע. יעצט האט דער שפילער די ברירה צו בלייבן מיט זיין אריגינעלער אויסוואל, אדער טוישן זיין אויסוואל.

קודם, בקיצור דער פאראדאקס. דער ׳פאקט׳ איז אז ווען דער שפילער טוישט פון זיין אריגינעלער אויסוואל געווינט ער צוויי דריטל מאל בשעת ווען לכאורה ע״פ פשטות איז דאך יעצט (נאכ׳ן אוועקנעמען די פראבעבילעטי פון איינער פון די טירן) געבליבן א 50-50 טשאנס אויף א יעדער טיר. ווי אזוי קענען מיר ערקלערן אז ס׳שטימט מאטעמאטיש און לאגיש דעם אויבן-דערמאנטן ׳פאקט׳?

דער וויכטיגסטער פונקט וואס איז נוגע פאר דער לעהזונג פונעם פאראדאקס (דאכצעך עס איז נאך נישט דערמאנט דא) איז אז דער האוסט האט ׳געוויסט׳ וועלכע טיר האט די קאר און וועלכע נישט. ואיה״נ, ווען ער מאכט ווען אויף א טיר רענדאמלי וואלטן די שאנסן געווען 50-50.

לאמיר עס צונעמען שטייטליך. לאמיר זאגן אז מען שפילט ווען איבער די זעלבע שפיל הונדערט פופציג מאל (אן דעם חלק פונעם האוסט אויפמאכן די טיר), וואלט יעדער פארשטאנען אז 50 מאל וועט די קאר זיין אונטער טיר איינס, 50 אונטער טיר צוויי, און פופציג אונטער טיר דריי.

יעצט ווען דער שפילער קלויבט ווען אלעמאל טיר איינס וועט ער געווינען 50 מאל, דהיינו איין דריטל מאל. יעצט, ווען דער האוסט עפנט א יעדעס מאל אויף איינס פון די אנדערע טירן, אלעמאל די מיט דעם ציגעלע (ווייל ער ווייסט דאך ווי די קאר ליגט), קומט אויס אז דער האוסט נעמט בידים די פראבעבילעטי פון דער געעפנטער טיר און ער לייגט עס אריבער צו דער אנדערער טיר. קומט אויס אז אויב דער שפילער וועט טוישן זיין אויסוואל יעדעס מאל וועט ער געווינען 100 מאל, דהיינו צוויי דריטל.

וממילא קומט דאך אויס אז אפילו ווען מען טוהט דאס שפיל נאר איין מאל זענען די פראבעבילעטיס דאפעלט אז ער וועט געווינען אויב ער טוישט טירן. עס איז נישט קיין גאראנטי נאר העכערע שאנסן.

ולפי״ז, אויב האט זיך א טיר געעפנט בטעות, און האט אנטפלעקט א ציגעלע, דאן ווערן די פראבעבילעטיס יא 50-50 אויף די איבעריגע טירן.

כ׳האף אז איך בין געווען קלאר גענוג. **[פארקירצט]**

**ונבנתה העיר** 5טן אקטאבער 2016

יש לי להוסיף קצת לומדות. כ'בין נישט זיכער דערין עד הסוף, וירקדו החכמים לפנינו.

איינע פון די הסברים וועלכע האבן מיר געכאפט זאגט אזוי:

דו האסט אויסגעקליבן איין טיר, יעצט זענען געבליבן צוויי אנדערע טירן. מאנטי - וועלכער ווייסט וואו די קאר ליגט - וועט פון יענע צוויי עפענען די ליידיגע און וועט דיר געבן די אפציע צו טוישן דיין טיר מיט די דריטע פארבליבענע.

זאגט דער ביאור: מיר דארפן אנקוקן די 3 טירן ווי צוויי גרופעס; איין גרופע איז די איין טיר וועלכע דו האסט אויסגעקליבן, די צווייטע גרופע זענען די פארבליבענע צוויי וועלכע דו האסט אוועקגעווארפן.

וויפיל שאנסן האט גרופע נומער 1? 1 אין 3.

וויפיל שאנסן האט גרופע נומער 2? 2 אין דריי.

זייער פשוט.

יעצט ווען מאנטי - וועלכער ווייסט פונקטליך וואו די קאר ליגט - גייט צו גרופע 2 און ער עפענט בכוונה תחילה די ליידיגע טיר פון צווישן יענע צוויי, איז זייער קלאר אז די גאנצע שאנס פון גרופע נומער צוויי ליגט יעצט אויף די לעצטע פארמאכטע טיר וועלכע מאנטי האט נישט געעפנט.

אין אנדערע ווערטער: די דריטע טיר טראגט יעצט מיט זיך די שאנס פון 2 אין דריי, און דיין טיר וועלכע דו האסט פון אנפאנג אויסגעקליבן - וואס דאס איז גרופע 1 - בלייבט מיט איר אריגינעלער שאנס פון 1 אין 3.

איז אודאי כו"ע מודי אז מען מוז טוישן די סעלעקציע פון דער ערשטער טיר צו דער דריטער. ע"כ ההסבר.

-----------

עס איז אזא געשמאקער הסבר אז ס'האט מיר געמאכט א פראבלעם:

פארוואס זאל דער זעלבער חשבון נישט ארבעטן אפי' ווען מאנטי ווייסט נישט וואו די קאר געפינט זיך?

לאמיר מאכן די זעלבע מעשה:

דו קלויבסט טיר נומער 1. יעצט האמיר צוויי גרופעס; טיר 1 וואס דו האסט גענומען איז גרופע 1, און די צוויי אוועקגעווארפענע [ - דהיינו אז אויב די קאר ליגט דארט באקומסטו עס נישט] זענען גרופע נומער צוויי.

יעצט גייט מאנטי און ער עפענט איינע פון די טירן אין גרופע 2. מאנטי האט 'נישט' געוואוסט וואו די קאר איז, אבער מן השמים האט מען זיך מרחם געווען אויף אים און 'פונקט' האט ער געעפנט א ליידיגע טיר.

קען מען דען נישט זאגן דעם זעלבן חשבון?

גרופע 1 האט איר אריגינעלע שאנס פון 1 אין דריי. גרופע נומער 2 האט געהאט א שאנס פון 2 אין דריי, און יעצט אז איך ווייס וועלכע פון אירע צוויי טירן איז ליידיג [ווייל מאנטי האט עס פונקט געעפנט] האט די לעצטע פארבליבענע טיר די גאנצע צוויי אין דריי שאנס פון דער גרופע, און איך בין אודאי מחויב צו טוישן.

וואט עי פיעס אוו נאנסענס... אבער פארוואס?

------------

דער תירוץ איז אז אה"נ אז דורך דיין קלויבן טיר 1 האבן זיך דא פארמירט צוויי גרופעס, עכ"פ לענין דיין געווינען: גרופע 1 איז אויף דיין זייט, און גרופע צוויי איז קעגן דיר. אבער לענין השאנסן האט דיר קיינער געגעבן די רעכט צו אסאסיאירן טיר 2 צום דריטן און דורך דעם אים געבן א 2 אין 3 שאנס.

טיר 1 קען שרייען מאי חזית? בעיני השכל קען מען דאך אויסשטעלן די גרופעס און זייערע שאנסן כיד הדמיון הטובה עליך. שרייט טיר 1: איך בין פונקט אזא מחותן לענין השאנסים ווי טיר 3. אפשר בין איך גאר דער וואס איז זיך משתף מיט טיר 2 - דהיינו במחשבתך פארעם די גרופעס כזה: טיר 1 און 2 זענען גרופע 1, און טיר 3 איז גרופע 2.

ממילא - זאגט טיר 1 - האט 'מיין' גרופע געהאט א 2 אין 3 שאנס, און יעצט ווען מאנטי האט געעפנט טיר 2 און געזען אז ס'איז ליידיג איז די גאנצע שאנס אריבער צו מיר, און דער שפילער זאל ח"ו נישט טוישן זיין בחירה.

און דאס איז טאקע דער אמת: ווייל מ'קען דמיונ'ען גרופעס אויף סיי וועלכע וועג, ווייל עס איז טאקע נישטא קיין אמת'ע פאקטאר [לענין השאנסים] מכריע צו זיין די גרופעס, איז טאקע יעדער גלייך און איינער קענסעלד אויס דעם צווייטן, ממילא בלייבט יעדע טיר מיט א 1 אין דריי שאנס ווי א נארמאלער מענטש.

-------

ועכשיו לשאלת המיליאן: פארוואס ווען מאנטי ווייסט יא וואו די קאר ליגט פאלט אוועק דער חשבון.

ולפי המבואר איז פשט אז טאקע זיין ידיעה וואו די קאר ליגט, און זיין זיך נעמען בקום ועשה צו די טירן 2 און דריי אויפצועפענען די פון זיי וואו ער ווייסט אז ס'איז ליידיג, דאס איז דער אזוי-געזוכטער פאקטאר וועלכער איז 'באמת' קובע טירן 2 און 3 אלס איין גרופע, און טיר 1 - וואו ער האט נישט קיין רעכט אנצורירן ווייל דו האסט עס דאך אויסגעקליבן - אלס א גרופע פאר זיך.

ממילא איז ריכטיג צו זאגן אז גרופע צוויי האט א שאנס פון 2 אין 3, און גרופע 1 האט נאר א שאנס פון 1 אין 3.

----------

כאמור כ'מיין אז מ'דארף עס נאך אביסל אראפברענגען למטה מעשרה, ואשמח לשמוע.

**קול דודי** 8טן אקטאבער 2016

ונבנתה, דאכט זיך אז מ'קען אפשר זאגן "הפילוסופיה הארורה הטעתו." 

באמת איז גאנץ פשוט ווען מ'הייבט אן פון'ם אלף: וואס הייסט די מעגליכקייט (טשאנס)? טשאנס הייסט אזוי: מ'רעכנט צוזאם אלע וועגן וואס קענען מעגליך צוברענגען די ריאליטעט וואס מ'זעט פאר זיך, און מ'רעכנט אויס וויפיל פון די וועגן איז עפעס א פאקט אמת. דאס איז דער טשאנס פונ'ם פאקט.

למשל, איינער שפילט דעם שפיל ניין מאל און קיינער עפענט נישט קיין טיר; דהיינו, ער זעט נאך אלץ דריי פארמאכטע

טירן. איז דאך גאנץ פשוט אז אין (בערך) דריי פון די ניין מאל וועט די פרייז זיין אונטער זיין טיר, און זעקס פון ניין מאל וועט עס זיין אונטער די אנדערע טירן. די טשאנס איז א דריטל פאר זיין טיר.

וואס איז אבער אויב אן אנדערער עפענט א ליידיגע טיר (בכוונה) נאכדעם וואס ער האט אויסגעקליבן א טיר? אויב מ'שפילט די שפיל ניין מאל, וועט אויסקומען אזוי: אין דריי פון די ניין מאל וועט די פרייז זיין אונטער זיין טיר, און זעקס פון די ניין מאל וועט עס זיין אונטער דער אנדערער פארמאכטער טיר (דוק ותשכח). ממילא, ווען מ'טרעפט זיך אין אזא ריאליטעט, איז טוישן די טיר א בעסערע טשאנס. (זעקס פון ניין מאל, דהיינו צוויי דריטל.)

וואס איז אבער אויב א מן דהוא עפענט אן אנדער ליידיגע טיר שלא בכוונה? דעמאלטס איז אזוי: אויב מ'שפילט די שפיל ניין מאל, וועט אין דריי פון די ניין מאל אויסקומען אז די אפענע טיר וואס יענער האט געעפנט שלא בכוונה וועט האבן די פרייז! בלייבט איבער נאר זעקס פון ניין מאל וואס איז בכלל מעגליך אנצוקומען צו דעם פאקט אשר עינינו רואות. אין דריי פון די זעקס וועט די פרייז זיין אונטער דער ערשטער טיר, אין די אנדערע דריי וועט עס זיין אונטער דער צווייטער טיר. די טשאנס איז א האלב (דריי פון זעקס).

די מכה בפטיש איז וואס כ'האב דערמאנט אין אנהויב. וויפיל וועגן איז דא אנצוקומען צו דער ריאליטעט וואס מ'זעט (צוויי פארמאכטע טירן און איין אפענע טיר אנעם פרייז)? אינ'ם ערשטן פאל (אויב שפילט מען ניין מאל למשל) איז דא ניין אנדערע אופנים אנצוקומען צו דער ריאליטעט וואס מ'זעט, אין זעקס פון די ניין וועט די פרייז זיין אונטער דער אנדערער טיר. אינ'ם צווייטן פאל, ווען די אפענע טיר איז א דבר שאינו מתכוון, איז נאר דא זעקס אופנים (אויב שפילט מען ניין מאל) אנצוקומען צו דער ריאליטעט וואס מ'זעט, אין דריי פון די זעקס וועט די פרייז זיין אונטער דער אנדערער טיר.

ופשוט הוא. א גמר חתימה טובה.

**ונבנתה העיר**

אה, ענדליך אויפגעוועקט דעם פראפעסאר, א דאנק.

(אייביג געוואוסט אז די הארטע-סייענס'ניקעס קענען נישט פארגינען מיר פילאזאפן...)

**איש חזון** 16טן יולי 2017

דער דין העולה פון דער מונטי הול בעיה איז: ווען דו וועלסט אויס טיהר 1 (למשל) זאגן מיר אז עס איז מסתבר אז עס איז נישט דארט, נאר אין איינע פון די אנדערע צוויי (וזהו פתרון הבעיה על רגל אחד).

די זאך איז נאר, אז כאטש מען באנוצט זיך מיט דעם לשון אז עס "לוינט זיך" פאר דעם שחקן צו בוחר זיין צו טוישן, איז דאס נאך אלעמען נישט קיין אביעקטיווער ריווח.

שטעל דיך פאר אז עס זענען דא צוויי שחקנים, ראובן וועלט אויס טיהר 1 און שמעון וועלט אויס טיהר 3, און דער מנחה עפנט אויף טיר 2 און ווייזט דעם חד גדיא, וועלן מיר זאגן פאר ראובן אז עס לוינט זיך אים צו בוחר זיין טיר 3 און פאר שמעון טיר 1?...

וכן: וואס וועט זיין אז אנשטאט אז דער שחקן זאל בוחר זיין אין א געוויסער טיר, וועלן מיר איינלאדענען א פלוג אין זאל, ער זאמזעט ארום און ער לאנדעט אויף טיר 1, וועלן מיר דען זאגן אז עס איז נישט מסתבר אז ער האט פונקט צוגעטראפן די טיר וואס באהאלט דאס אוטא, נאר עס געפינט זיך ווארשיינליך אונטער איינע פון די אנדערע טירן?...

אט א דא שטעקט די טיפקייט און צעמישטקייט פון תורת ההסתברות... **[פארקירצט]**

**ישעיה** 3טן יוני 2021

רבינו @מי אני, דו האסט געלייקט די תגובה פון @יואליש, וויל איך דיך פרעגן;

אויב דער האוסט פירט זיך צו עפענען איינע פון די צוויי (דוקא איינע פון די צוויי וואס דער שפילער האט נישט אויסגעקליבן) אהן קוקן וואס איז אונטער זיי, וועט טאקע נישט זיין קיין עדיפות צו טוישן?

וואס איז דאס אנדערש פון ווען מען געט א ברירה פאר'ן שפילער צו טוישן פון די טיר וואס ער האט בוחר געווען און אנשטאט דעם נעמען "ביידע" פארבליבענע טירן???

אשמח לעזרתכם, ועזרת כל החכמים דפה

**מי אני**

איך האב געזעהן איינעם דאס מסביר זיין אזוי, מיט'ן טוישן א משהו דעם אריגינעלן פראבלעם דאס ארויסצוברענגען:

אויב זענען דא צוויי שפילערס, דו מיט נאך איינער, דו קלויבסט ערשט איין טיר און דערנאך דער אנדערער שפילער אן אנדערע. סתם אזוי, אויב ביידע ווייסן נישט איז דא 1/3 שאנס פאר דיר און א 1/3 שאנס פאר אים, ופשוט. אויב אבער יענער איז א טשיטער איז האסטו א 1/3 שאנס און יענער א 2/3 שאנס. ווייל אויב האסטו, מיט א 1/3 שאנס, געקלויבט די ריכטיגע טיר, בלייבט יענער לעקיש און קען גארנישט טוהן דערנאך. אויב אבער, מיט א 2/3 שאנס לעומתה, האסטו נישט די ריכטיגע טיר האט דאך יענער גראד אוודאי געקלויבט פאר זיך די ריכטיגע טיר. אין אזא פאל וואו דו ווייסט אז דער צווייטער איז א טשיטער, איז כמובן אז דו ווייסט אויך אז אונטער די טיר וואס קיינער האט נישט געקלויבט איז זיכער נישט דא די קאר - ס'איז אדער אונטער דיין טיר וואס דו האסט ערשט געקלויבט מיט 1/3 שאנס אדער אונטער דעם טשיטער'ס טיר מיט א 2/3 שאנס. וממילא אויב קענסטו טוישן מיט'ן טשיטער וואס דו ווייסט איז א טשיטער און האט דעם 2/3 שאנס, באקומסטו דאך די 2/3 שאנס אנשטאט א 1/3 שאנס.

ביי אונזער פאל מיט'ן האוסט וואס ווייסט, מיט דעם וואס ער האט געעפענט די לעצטע טיר איז דאס כאילו ער האט געקלויבט פאר זיך די צווייטע טיר. דאס איז די אינפארמאציע וואס איך ווער געוואר אין דעם פראבלעם דורך מאנטי'ס/דעם האוסט'ס עפענען די דריטע טיר. און וויבאלד ער ווייסט און איז "א טשיטער", און דו ווייסט אז ער ווייסט [והיינו דו ווייסט

אז ער האט א 2/3 שאנס], האט "זיין" טיר א 2/3 שאנס לעומת דיין אריגינעלע 1/3. איז לוינט זיך דיר צו טוישן "מיט אים".

דאס איז משא"כ ווען ער ווייסט פונקט אזוי נישט ווי דו און ווען מען האט געעפענט די לעצטע טיר איז פונקט אזוי געווען א 1/3 שאנס אז עס זאל זיין דארט. און די סאמע איינציגסטע אינפארמאציע וואס דו ווערסט יעצט געוואר איז אז ס'איז פשוט נישט דארט און נאר אז פשוט דאס ווערט ארויסגענומען פונעם חשבון. און איה"נ אז דו קענסט זאגן אויך דא אז מיט דעם וואס ער האט געעפענט די לעצטע טיר האט ער "געקלויבט פאר זיך" די צווייטע טיר, איז האט ער אבער די זעלבע 1/3 שאנס מעיקרא ווי דו, און אזוי ווי דעם ערשטן פאל מיט צוויי געהעריגע שפילערס. יעצט, נאכ'ן עפענען די טיר וואו ס'איז נישט איז עס פשוט געווארן האלב-אויף-האלב.

און איה"נ טאמער עפענט מען נישט קיין איינע פון די טירן און מ'געבט דיר א ברירה (אן זאגן מער ווי דעם) צו טוישן פון דיין איין טיר צו די צוויי אנדערע טירן, איז עס דאך א 2/3 שאנס קעגן אן 1/3 שאנס; פונקט אזוי ווי קענען קלויבן צוויי טירן קעגן איין טיר בכלל. אבער יעצט, ווען דער האוסט ווייסט אויך נישט, איז עס פשוט יעצט געווארן פון קלייבן פון איינס פון דריי טירן צו איינס פון צוויי טירן; די זעלבע שאנס אזוי צי אזוי. דאס איז די סאמע אינפארמאציע איך בין געוואר געווארן אין אזא פאל וואו דער האוסט ווייסט נישט און האט געעפענט איין טיר וואו עס איז פונקט נישט געווען קיין קאר. יעצט, איז עס די זעלבע ווי זאגן "אדער קלויב די צוגעמאכטע טיר מיט דער אפענער טיר, אדער קלויב דיין טיר מיט א טיר דיינע פונדערהיים"; יענע אפענע טיר איז פשוט ארויסגענומען געווארן פונעם חשבון לגמרי און עס איז יעצט נאר איין רעלעוואנט טיר קעגן איין רעלעוואנט טיר. דאס איז סך הכל וואס איך בין דאדורך געוואר געווארן אין אזא פאל וואו דער האוסט ווייסט אויך נישט.

**ישעיה**

ווען אהבת החכמה און אהבת הבריות זענען זיך משתלב... א דאנק אייך @מי אני!

איך האב געליינט די מגילה און איך דארף עס איבערליינען נאכאמאל, אבער מחמת פוילקייט וויל איך דיר קודם פרעגן;

ווען מען געבט א ברירה פאר'ן שפילער צו טוישן און עפענען "ביידע" פארבליבענע טירן, און ער וועהלט דאס טאקע אויס, ער עפנט טיר 2 און טרעפט א ציג, יעצט אויב שטעלט מען אפ און מ'זאגט אים: דו קענסט נאך צוריקטוישן צו טיר 1 - וועט עס טאקע זיין א 50 50 טשענס צווישן 1 מיט 3?

**מי אני**

אויב דאס איז דער סך הכל אינפארמאציע וואס ער האט/באקומט, דאן יא. והיינו אז ווי ווייט מיר ווייסן האבן נישט די וואס געבן אים די ברירה א ידיעה אויך נישט, אדער עכ"פ אז עס מאכט גארנישט אויס צי ער קען טוישן; למשל עס איז אויטאמאטיש אזוי די "רולס".

**ישעיה**

לאמיר דיר עפעס פרעגן;

אויב מען מאכט איבער 100 מאל דעם אריגינעלן מאנטי האל שפיל, ווי דער שפילער וועהלט אויס איין טיר און באקומט דאס וואס איז הינטער איר, איז גערעכט צו זאגן אז בערך 66 מאל וועט דער שפילער נישט צוטרעפן?

**מי אני**

יא.

יעצט, בנוגע דעם אריגינעלן שפיל פון דער שאלה/פראבלעם וואו מאנטי ווייסט יא און עפענט [דערביבער] אלעמאל אויף א טיר וואס האט דייקא נישט קיין קאר אונטער זיך און געבט אים יעצט די מעגליכקייט פון טוישן? דעמאלטס וועט דאס נישט נעמען די געגעבענע מעגליכקייט פון טוישן פונקט אזוי גורם זיין א (בערך) 66% פעיל רעיט (ביי 100 מאל). דאס איז די זעלבע און פונקט אזוי ווי ווען מען עפענט אים בכלל נישט אויף אן אנדער טיר; א ממש געהעריגע שפיל. משא"כ יא נעמען די מעגליכקייט און טוישן וועט אים געבן נאר א (בערך) 33% פעיל רעיט (ביי 100 מאל).

נעם טאקע אין אכט אז טאמער ווייסט מאנטי נישט, וועט דאך מאנטי בערך 33 מאל אליין עפענען די/א טיר (במקרה ובטעות) וואס האט אונטער זיך א קאר, וואו די גאנצע שפיל ושאלה [מעגליכקייט צו טוישן] הייבט זיך ניטאמאל אן. און פון די איבעריגע (בערך) 66 מאל וואו ער האט יא די מעגליכקייט צו טוישן וועט ער נאר מצליח זיין (בערך) 33 מאל טאמער טוישט ער נישט - האלב.

**ישעיה**

👍👍👍

יעעעצט פארשטיי איך!

א הערצליכן דאנק!

**תוהו ובוהו**

שכוח אייך אלע פאר'ן ארויפברענגען אזעלכע שיינע באלערנדע אשכולות!

Sent from my KFDOWI using Tapatalk

## דער ענטפער, אין איין זאץ

ווען דער עפענער ווייסט וואו די קאר שטייט און עפנט אלעמאל א ליידיגע טיר, בלייבט דיין ערשטע טיר ביי 1/3, און די אנדערע פארמאכטע טיר טראגט 2/3. טוישן געווינט צוויי מאל פון דריי.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2661.html

קאלום · סייענס פון די ארכיוון

# דער האטעל וואס האט אלעמאל א פלאץ

## דוד הילבערט'ס "ענדלאזער האטעל" – א פארשפאציר אין דער וועלט פון אינסוף

קאווע שטיבל, סייענס-פארום ("די הילבערט האטעל") | פארוואס? | 17טן מערץ 2015



דוד הילבערט (1862–1943), דער מאטעמאטיקער פון געטינגען, פאר 1912. (פובליק דאמעין)

**יעדע וואך ברענגען מיר א שטיקל סייענס פון די ארכיוון, אזוי ווי עס איז דערקלערט געווארן פאר'ן היימישן עולם. דער שרייבער "פארוואס?" האט אויף קאווע שטיבל געשריבן א גאנצע סעריע איבער מאטעמאטיק; דא איז זיין באקאנטער ארטיקל איבער'ן ענדלאזן האטעל.**

ווען דער ביזנעסמאן דוד הילבערט האט געעפנט די טויערן פון זיין "ענדלאזן האטעל", האט ער זיך אליין נישט פארגעשטעלט ווי סוקסעספול עס וועט זיין. די שמועה איבער'ן נייעם האטעל איז געלאפן מיט ליכט-שנעלקייט פון מויל צו אויער, און אין דער ערשטער נאכט איז ער באפאלן געווארן מיט אן ענדלאזער צאל טוריסטן ביי דער שוועל. עס איז נישט קלאר וויאזוי עס איז געלונגען אויפצונעמען אזויפיל מענטשן אין אזא קורצער צייט, אבער א פאקט: דער ערשטער גאסט האט באקומען רום נומער 1, דער צווייטער רום נומער 2, דער דריטער רום נומער 3, און אזוי ווייטער – יעדער גאסט נומער x האט באקומען רום נומער x, עד אין סוף.

נאכ'ן פארדינען אזויפיל געלט אין איין נאכט, האט זיך אונזער ביזנעסמאן שוין געקענט ערלויבן צו שמייכלען. אבער דעמאלט איז געשען א מורא'דיגע זאך: עס איז אנגעקומען נאך איין גאסט. אוי ווי! וואס טוהט מען? וואו לייגט מען אים?

הילבערט האט זיך נישט געקענט ערלויבן אים אהיימצושיקן: ער האט געוואוסט אז דער גאסט וועט אים באשמוצן אין אלע ווינקלען, און די גאנצע מולטי-מיליאן ביזנעס וועט אונטערגיין אין איין נאכט. איז ער אויפגעקומען מיט א בריליאנטן געדאנק: מ'וועט שיקן דעם ערשטן גאסט צום צווייטן רום; אבער מ'קען דאך נישט צוזאמשטופן צוויי געסט אין איין רום, דעריבער וועט דער צווייטער גאסט גיין צום דריטן רום, און אזוי ווייטער – יעדער גאסט נומער x גייט צו רום נומער x+1. און ווייל דאס איז אן ענדלאזער האטעל, איז דא פלאץ פאר יעדן – און רום נומער 1 איז פריי פאר'ן נייעם גאסט.




יעדער גאסט גייט איבער פון רום x צו רום x+1 – און רום נומער 1 ווערט פריי.

א שיינע מעשה? יא. אבער דא רעדן מיר נישט פון א ביזנעסמאן, נאר פון א דייטשן מאטעמאטיקער וואס איז מיט זיין כח הדמיון אויפגעקומען מיט אט דעם געדאנק. ער האט טאקע געהייסן דוד הילבערט, ער האט געלעבט אין סוף פונעם 19טן יארהונדערט און אנפאנג פונעם 20סטן, און ער האט געהאט א שטארקע השפעה אויף דער אנטוויקלונג פון מאטעמאטיק אין יענע צייטן.

### וואס איז "ענדלאז"?

לאמיר קודם זאגן וואס עס איז נישט. מיר קענען דעם מושג "אינסוף" פון ספרי חסידות און קבלה, אדער פון פילאזאפיע, וואו

מ'רעדט בשבחו של מקום: "העכער פון אלעס", "שטערקער פון אלעס". דא, לענייננו, מיינען מיר נישט מער ווי אז עס האט נישט קיין סוף – און דאס מאכט עס נאך נישט העכער פון אנדערע זאכן (כל זמן די אנדערע זענען אויך ענדלאז).

דער מוח האט ליב צו באטראכטן אינפיניטי ווי א ריזיגער נומער, אבער דער אמת איז אז עס איז בכלל נישט קיין נומער; עס איז א קאנצעפט. ווען מיר האבן אינסוף עפל, וויפיל דו וועסט נאר נעמען דערפון, וועל איך נאך אלץ בלייבן מיט אינסוף עפל. אין קאווע-שטיבליש: דאס איז די צאל "לייקס" וואס א מעמבער קען געבן, ווייל די אדמיניסטראטארן האבן (ביז דערווייל) נישט באשטימט קיין גרעניץ.

די חכמה פון מאטעמאטיק איז צו נעמען אט דעם אינסוף – א שרעקעדיגע באשעפעניש וואס די גרויסע חכמים פון אמאל האבן געציטערט אים צו פארן – אים אנכאפן ביים קארק, און זיך שפילן מיט אים ווי ער וואלט געווען א געוועגליכער נומער.

## א באס מיט אן ענדלאזער צאל זיצן

ביקשו צדיקים לישב בשלוה: פלוצלינג ווערט א מהומה אינעם הויפט-אפיס פונעם האטעל. עס איז אנגעקומען א באס פול מיט פאסאזשירן – אבער נישט סתם א באס, נאר א באס מיט אן ענדלאזער צאל זיץ-פלעצער. איינער זיצט אין זיץ נומער 1, דער צווייטער אין זיץ נומער 2, און אזוי ווייטער עד אין סוף. וואס טוהט מען מיט אזא באס? מ'לויפט צו הילבערט'ן: אין הבור מתמלא מחוליתו!

אבער ער איז אויפגעקומען מיט א פשוטער עצה. ווייל מיר האלטן ביי אינסוף, קען מען רואיגערהייט בעטן יעדן גאסט וואס איז שוין אינעם האטעל, ער זאל אריבערגיין אין דעם רום וואס איז צוויי מאל אזוי גרויס ווי זיין יעצטיגער נומער: גאסט נומער 1 גייט צו רום 2, גאסט נומער 2 צו רום 4, גאסט נומער 3 צו רום 6, און אזוי ווייטער.

יעצט זענען אלע גראדע נומערן פארנומען, און אלע אומגראדע נומערן זענען ליידיג – און זיי זענען אויך ענדלאז! פאסאזשיר נומער 1 גייט אין רום 1, פאסאזשיר נומער 2 אין רום 3, און בכלל: פאסאזשיר נומער x גייט אין רום נומער 2x-1. אזוי קען זיך קיינער נישט אפרעדן אז ער האט נישט קיין פלאץ.

וויאזוי ווייז איך דאס אויף? איך פרעג דעם פאסאזשיר וואס איז זיין זיץ-נומער; איך טאפל דעם נומער און נעם אראפ איינס. דער רעזולטאט איז אן אומגראדער נומער, איז ווייס איך פאר זיכער אז קיינער פון די פריערדיגע געסט איז מער נישט דארט; און ווייל דער רעזולטאט קען קומען נאר פון איין איינציגן זיץ-נומער, ווייס איך אז דער רום איז ליידיג און גרייט פאר אים.

## אן ענדלאזע צאל באסן

אבער יעצט ווערט דער פראבלעם נאך אסאך מער קאמפליצירט: עס קומען אן ענדלאזע באסן, יעדער מיט ענדלאזע פאסאזשירן, פשוטו כמשמעו. די איינגעשטעלטע זענען זיכער אז יעצט וועט מען מוזן אויפגעבן. אבער הילבערט קנייטשט דעם שטערן, און – אהא!

קודם מאכט מען סדר: באס נומער 1, באס נומער 2, באס נומער 3, און אזוי ווייטער; יעדער פאסאזשיר ווערט אידענטיפיצירט מיט צוויי נומערן: וועלכער באס, און וועלכער זיץ. דערנאך נוצט מען צוויי פאקטן: (1) עס זענען דא אן ענדלאזע צאל פריים-נומערן (נומערן וואס לאזן זיך נישט צעטיילן); (2) א פריים-נומער געהעכערט צו א געוויסער מדרגה (2, 2×2, 2×2×2...) וועט קיינמאל נישט זיין גלייך צו אן אנדער פריים-נומער'ס מדרגה.

אויב אזוי, שיקט מען דעם ערשטן פאסאזשיר פונעם ערשטן באס צו רום 2, דעם צווייטן צו רום 4, דעם דריטן צו רום 8, און אזוי ווייטער. דעם צווייטן באס שיקט מען צום צווייטן פריים-נומער, 3: רום 3, רום 9, רום 27... און אזוי יעדער באס מיט זיין אייגענעם פריים-נומער. ענדלאזע באסן? עס זענען דאך דא ענדלאזע פריים-נומערן! (טראכט אליין איבער פארוואס קיין איין רום ווערט נישט גענוצט פאר צוויי געסט.) פראבלעם געלייזט – און עס בלייבן אפילו נאך ענדלאזע ליידיגע רומס, למשל 6, 10, 15...

## דער באס וואס איז נישט אריינגעגאנגען

שפעט ביינאכט הערט מען א גערודער אינדרויסן: עס איז אנגעקומען איין ריזיגער לאנגער באס, און יעדער זיץ דארט ווערט אידענטיפיצירט מיט אן ענדלאזן נומער, למשל 1111111... הילבערט גייט אריין, ליינט די נומערן – און הייבט אויף די הענט מיט יאוש: פאר די געסט האט ער שוין נישט קיין פלאץ.

פארוואס? דאס, האט דער שרייבער צוגעזאגט, "וועט קומען אין א המשך'דיגן ארטיקל". דער ענטפער איז איינע פון די וואונדערליכסטע אנטדעקונגען אין מאטעמאטיק: עס זענען דא פארשידענע "גרייסן" פון אינסוף, און דער לעצטער באס איז פשוט א גרעסערער אינסוף ווי דער האטעל.

### פון דעם אשכול

אויף די וואונדער פון דעם ארטיקל האט דער ניק "לעיקוואד" באלד געענטפערט: "אינטערעסע? אוודאי! דו קענסט אונז דאך נישט לאזן ביים טעות..." און ווען מ'האט געפרעגט צי אינסוף איז נישט נאר א דמיון, האט "פארוואס?" געענטפערט: "דער ענדלאזער האטעל איז טאקע א דמיון; אבער דאס איז נאר לשבר את האוזן איבער אן אמת'ער מציאות."

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8450.html

קאלום · היינט מיט X יאר צוריק

# די וואך, אמאל

וואס מ'האט געשמועסט אויף קאווע שטיבל אין דער וואך פון 26סטן אקטאבער ביז 1טן נאוועמבער, אין פריערדיגע יארן

קאווע שטיבל (אשכולות געעפנט 26סטן אקטאבער – 1טן נאוועמבער, 2012–2018) · פארשידענע · 2012–2018

2012 · 2013 · 2014 · 2015 · 2018

26 · 27 · 28 · 29 · 30 · 31 · 1

**יעדע וואך בלעטערן מיר צוריק אין די ארכיוון, און קוקן וואס עס האט פארנומען די פארומס פונקט די זעלבע וואך מיט יארן צוריק.**

## מיט 14 יאר צוריק: א שבת אין א האטעל (2012)

מיטוואך, דעם 31סטן אקטאבער 2012 – צוויי טעג נאכדעם וואס דער שטורעם "סענדי" האט איבערגעלאזט הונדערטער טויזנטער אן עלעקטרי – האט קאווע טרינקער געעפנט אן אשכול מיט א פשוטער בקשה: ער וויל זיך אוועקפארן מיט'ן ווייב אויף א שבת אין א האטעל, "נישט מער ווי צוויי שעה פון ברוקלין", עס זאל זיין כשר, און לכתחילה מיט א שבת-גרופע. דער ערשטער ענטפער איז געקומען אין ענגליש, פון א ניק מיט'ן נאמען bush: "lakewood if its open" – לייקוואוד, אויב עס איז אפן. אין יענער וואך איז דאס נישט געווען קיין פשוטער "אויב". דער אשכול איז אויסגעוואקסן ביז 75 תגובות, א גאנצע רשימה פון האטעלן און עצות.

## מיט 13 יאר צוריק: א חסידות-ווארט אין א מינוט (2013)

דעם 30סטן אקטאבער 2013 האט פשוט-קאמפליצירט באמערקט אז דאוועגען ווּתיקין איז "געווארן cool", און אז אין א מאנסיער קלויז זאגט דער ראש ישיבה יעדן טאג נאכ'ן דאווענען א קורץ חסידיש ווארט, וואס פליט ארום אין "וואטסעפ" גרופעס. ער האט צוגעזאגט צו איבערזעצן דאס ווארט יעדן טאג אויף אידיש, און אנגעהויבן מיט'ן ערשטן. דער אשכול "אונטער-א-מינוט חסידות-ווארט" האט געלעבט יארן לאנג, און איז אויסגעוואקסן ביז 425 תגובות – כמעט א גאנץ ספר.

## מיט 12 יאר צוריק: "קאווע שטעטל" (2014)

דעם 29סטן אקטאבער 2014, לכבוד זיין צען-טויזנטסטער תגובה, האט שמעקעדיג

ארויפגעלייגט א לאנגן פעליעטאן מיט א גרויסער פראקלאמאציע: "שוין א לענגערע צייט ווירבלט מיר אין קאפ צו עפענען פאר אונז, חברי קאווע שטיבל, א היימיש שטעטל. עס וועט הייסן: קאווע שטעטל!" דאס שטעטל וועט זיין "ווייט אוועק פון דעם רוישיגן ניו יארק", מיט "גלייכע און פלאכע גאסן", נישט מער ווי צוויי שטאק הויך, און "נישט קיין זכר פון מאסקיטאס". יעדער שרייבער פונעם פארום האט באקומען א ראלע: דער דאקטאר, דער וויטאמין-פארקויפער, דער משגיח. די מטבע פונעם שטעטל? "לייקס", פארשטייט זיך – מיט א "לייק גמ"ח" פאר די וואס האבן נישט גענוג. "וועלקאם טו שמעקעדיגסוויל!", האט כוכב געענטפערט אין אכט מינוט ארום; און קאווע טרינקער: "געלייקט, אבער נאך נישט געליינט – איך שטעל אויף א חזקה פון 10,000 תגובות אז ס'איז גוט."

### מיט 11 יאר צוריק: "לערנענדיג האב איך אויפגעפאסט" (2015)

דעם 27סטן אקטאבער 2015 האט געוואלדיג געעפנט אן אשכול פאר "שטיקלעך וואס זענען נישט דווקא קיין חידושים, אבער זיי זענען יא אינטערעסאנטע נקודות" – פנינים וואס "פאלן צווישן די בענקלעך". זיין ערשטער פערל איז געווען פון פרשת וירא: דער ספורנו (בראשית יח, יב) לערנט אז א שינוי הטבע קען אפילו א נביא נישט צוזאגן, נאר דער אויבערשטער אליין – אדער דורך תפילה, דער שטארקער כח פון תפילה. די חברים האבן צוגעלייגט, און דער אשכול איז אויסגעוואקסן ביז כמעט פיר הונדערט תגובות.

### מיט 10 יאר צוריק: "ביז צום קרעטשמע" (2016)

מוצאי שבת בראשית, דעם 29סטן אקטאבער 2016, האט ליטוואק פון בודאפעסט געשריבן א מאמר איבער חינוך, גלייך נאך די ימים טובים. "שטייענדיג אין בית המדרש, צוקוקנדיג ווי די קליינע קינדער האלטן מיט דאס דאווענען, זינגען מיט'ן נוסח און שפירן די ערנסטקייט פון א שלש עשרה מדות ביי נעילה," שרייבט ער, "קען מען מיינען אז ס'איז געלונגען." אבער דאס איז נאך גארנישט מוכח: דאס קינד טאנצט מיט מיט וואס ער זעט ארום זיך. די תכלית, וואס נעמט צייט און מי, איז אז דאס קינד זאל האבן א טעם אין דאווענען, זאל זיין נייגעריג צו וויסן פירוש המלות, און זאל טרעפן זיין אייגענעם פלאץ אין סידור – "אז דאס דאווענען זאל זיין אן אייגענע עבודה שבלב, מיט אן אייגענעם געפיל." און דאך, שליסט ער מיט'ן אלטן ווערטל: "ביז צום קרעטשמע דארף מען אויך עפעס טרינקען."

### מיט 8 יאר צוריק: שבת פרשת וירא אין פיטסבורג (2018)

שבת פרשת וירא, דעם 27סטן אקטאבער 2018, איז א מערדער אריין אין דער שול "עץ חיים" אין פיטסבורג אינמיטן שחרית, און געהרגעט מענטשן; עלף אידן זענען אומגעקומען, הי"ד. ווי נאר שבת איז ארויס, האט טוב ויפה געעפנט אן אשכול מיט דער ידיעה, און אין די קומענדיגע טעג האבן די חברים דארט באריכטעט, געטרויערט און געשמועסט – כמעט הונדערט תגובות. דער ניק שושן פורים האט באטאנט: "זיי זענען געווען א טארגעט בלויז וויבאלד זיי געהערן צום אידישן פאלק."

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/

קאלום · די תגובה פון דער וואך

# "איך אליין קען מיך אויך נישט"

קאווע שטיבל, אשכול "שבת אין האטעל" · קאווע טרינקער · 9טן נאוועמבער 2012

**יעדע וואך קלייבן מיר אויס איין תגובה פון די ארכיוון: א שארפע, א חכמה'דיגע, א ווארעמע.**

דער צושטאנד: נאוועמבער 2012. שוין צוויי וואכן זוכט קאווע טרינקער אויף קאווע שטיבל א האטעל פאר א שבת מיט'ן ווייב (זעט "היינט מיט X יאר צוריק"). ער האט שוין באקומען לייקוואוד, ניו דזשערזי, קאנעטיקעט און א גאלף-קלוב. אט קומט דער ניק bush מיט נאך אן עצה, אויף ענגליש: "בארא פארק האט עטליכע שיינע האטעלן, און וויליאמסבורג האט צוויי. וואו דו וואוינסט נישט – פאר אין דער אנדערער שטאט." דער ענטפער:

**קאווע טרינקער**

**בוש, שלום עליכם. דו קענסט מיך נאך נישט אזוי גוט (איך אליין קען מיך אויך נישט). איך וויל אוועקפארן אויף א שבת צווישן אידן, אן קיין שטריימלעך, און ווערן סערווירט כשר'ע מאכלים.**

**און די צוויי תגובות וואס זענען נאכגעקומען**

א שעה שפעטער ארום האט שמעקעדיג געפרובירט צו העלפן:

**שמעקעדיג**

**לייקוואוד האט שטריימלעך? כ'מאך נאר א ווערטל... אבער די שטריימלעך ווערן בטל בשישים. איך מיין אז אזוינס וועסטו נאר טרעפן אין ארץ ישראל. נעם דיר אליין מיט עסן.**

**קאווע טרינקער**

**זיך פארערן אליין מיט'ן טשאלנט? נע.**

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2250.html

קאלום · ווערטער פון די פארומס

# א קליין ווערטערביכל פון קאווע שטיבל

ווערטער און אויסדרוקן וואס האבן געלעבט אויף די פארומס – מיט א ציטאט פון די ארכיוון

קאווע שטיבל (2012–2016) | פארשידענע | 2016–2012

**יעדער פארום האט געהאט זיין אייגענע שפראך. דא זענען עטליכע ווערטער וואס א נייער מעמבער האט געדארפט לערנען אין זיין ערשטער וואך – אין א־ב סדר.**

## אשכול

א שמועס אויף א געוויסן ענין, פונעם ערשטן פאסט ביז'ן לעצטן. אויף ענגליש: thread. ווען אן אשכול איז אוועק פון זיין ענין, האט מען אים "אפגעטיילט" אין א נייעם אשכול.

> זר זהב (2012): דער אשכול וועט גאנץ שנעל אונטערגיין, אזוי ווי דיין ערליכער שכן אין שול וואס רעדט קיין ווארט ארויס פון מויל. (דער אשכול האט דערנאך באקומען 206 תגובות.)

## אראומע / פה־סח

די נעמען פון די יום־טוב אויסגאבעס פון קאווע שטיבל. "אראומע" (סוכות תשע"ה) – ווי עס זעט אויס, א שפיל־ווארט אויף "ארומע", א גוטער שמעק, ווי פון א פרישער קאווע; "פה־סח" (פסח תשע"ה) – לויט דעם באקאנטן דרש "פה סח", א מויל וואס רעדט.

> כוכב (2014): וואס קענען מיר צושטעלן לכבוד יום טוב? אפשר נעמען מיר זיך צוזאם, און א צען שרייבער דא נעמען זיך אונטער אן ארטיקל.

## לייק

דער קנעפל אונטער א פאסט, וואס מיינט "עס געפעלט מיר" – און די סאמע ווערטפולסטע מטבע אויפ'ן פארום.

> שמעקעדיג (2014): מיר וועלן האבן אן אייגענע היימישע וואלוטע, וואס וועט זיך רופן "לייקס". דער עולם וועט שווער ארבעטן צו פארדינען לייקס.

## מאחורי

דער קורצער נאמען פונעם פארום "מאחורי הפרגוד": א פארמאכטער פארום הינטער די קוליסן, וואס נישט יעדער האט געקענט זען.

> לבי במזרח (2013): אדער איז דאס עפעס וואס ווערט נאר דיסקוטירט אין מאחורי?

## ניק

דער נאמען מיט וועלכן א מעמבער שרייבט, אנשטאט זיין אייגענעם נאמען. א גוטער ניק איז א האלבע תגובה.

> שמעקעדיג (2014): ווער עס האט מורא פון גילוי, וועט נישט דארפן אנטפלעקן זיין עכטן נאמען – מ'קען אים רופן אויף זיין ניק. אפילו צו דער תורה וועט מען אויסרופן אויפ'ן ניק.

## Sent from my ... using Tapatalk

א שורה וואס האט זיך אליין צוגעקלעבט צו פאסטס וואס זענען געשריבן געווארן פון א טעלעפאן. אויפ'ן פארום איז זי געווען אזוי געוועהנליך, אז קיינער האט זי שוין נישט באמערקט.

> ליטוואק פון בודאפעסט (2016): האסט אויך רעכט, נאר וויבאלד מען רעדט פון איינעם וואס געלט איז נישט זיין תכלית, קען ער באשטיין צו פארלירן א חלק פון זיין ריוח, צו זיין דער העלד וואס ראטעוועט ארעמעלייט. Sent from my HTC Desire 510 using Tapatalk

## שטיבל

קאווע שטיבל אליין – פון זיינע מעמבערס גערופן מיט ליבשאפט, קורץ און ווארעם.

> שמעקעדיג (2014): דער בית המדרש פון שטעטל וועט זיך רופן "שטיבל", על שם אונזער זאפטיגן שטיבל, וואס האט אונז צוזאמגעברענגט און אויסגעפארעמט.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/

קאלום · חידות

# חידות פון די ארכיוון

א באל, א מאשין, א ראד מיט דריי באלן, און א גאנצער עולם וואס זינגט – פרובירט אליין, די ענטפערס זענען אונטן

קאווע שטיבל, "סייענטיפישע קושיות, רעטענישן, היכי תימצאס און איבעיות" און "לייז אויב ביסט קלוג"

מי אני, ונבנתה העיר, דיכטער און די חברים

2024–2015



דאס ראד פון חידה 2: וועט עס זיך דרייען? (געצייכנט פאר "ארכיוו")

**די חידות פון קאווע שטיבל גייען ווייטער. דאס מאל: דריי קורצע שאלות וואס כמעט יעדער ענטפערט אויף זיי פאלש, א ראד וואס "דארף" זיך דרייען, און א קשיא וואס יעדער וואס איז געווען ביי א חתונה האט זיך שוין אמאל געפרעגט.**

### חידה 1: דריי שנעלע שאלות
מי אני, אפריל 2020

מי אני האט ארויפגעלייגט א בילד מיט דריי שאלות:

א) א באל און א שטעקן קאסטן צוזאמען ‎$1.10. דער שטעקן קאסט $1 מער ווי דער באל. וויפיל קאסט דער באל?

ב) אויב 5 מאשינען מאכן 5 שטיקלעך אין 5 מינוט, וויפיל מינוט וועלן 100 מאשינען דארפן צו מאכן 100 שטיקלעך?

ג) אין אן אזערע וואקסט א פלעק בלעטער. יעדן טאג ווערט ער צוויי מאל אזוי גרויס. אין 48 טעג פארדעקט ער די גאנצע אזערע. אין וויפיל טעג פארדעקט ער האלב אזערע?

### חידה 2: דאס ראד מיט די דריי באלן
ונבנתה העיר, מערץ 2015

"שמעו נא רבותי דיינים מומחים": א ראד וואס קען זיך פריי דרייען ארום זיין מיטל, און אויף אים זענען באפעסטיגט דריי גלייכע באלן, אויף גלייכע ווייטקייטן איינער פונעם צווייטן: איינער ליגט גלייך אויף דער רעכטער זייט, און צוויי אויף דער לינקער – איינער אביסל העכער, איינער אביסל נידעריגער (ווי אויפ'ן בילד). אויף דער לינקער זייט איז דאך מער וואג. וועט זיך דאס ראד אליין דרייען, ביז די וואג וועט זיין גלייך אויף ביידע זייטן, אדער נישט? "ביטע זייט עס מסביר אויף אידיש."

### חידה 3: פארוואס זינגט א עולם שיין?
ונבנתה העיר, אויגוסט 2018

רוב מענטשן וואס איך קען זינגען נישט שיין, סיי אין קול, סיי אין טאן. מיין שאלה איז: פארוואס,

ווען א גרויסער עולם זינגט צוזאמען, הערט זיך עס יא שיין? צי איז פשט אז רוב מענטשן קענען טאקע יא שיין זינגען, אדער נאמר אז יעדער פאר זיך זינגט טאקע געפערליך, אבער זייערע חסרונות זענען קעגנזייטיגע – איינער קראצט אהער און איינער אהין, איינער ארויף און איינער אראפ – אזוי אז זיי מעקן זיך אויס, און דער דורכשניט איז א געשמאקער קול מיט א גלאטן טאן?

**די ענטפערס**

1) (מי אני) די שנעלע ענטפערס – 10 צענט, 100 מינוט, 24 טעג – זענען אלע פאלש. די ריכטיגע: א) 5 צענט (דער שטעקן קאסט דעמאלט $1.05, און צוזאמען $1.10); ב) 5 מינוט (יעדע מאשין מאכט איין שטיקל אין 5 מינוט); ג) 47 טעג (ווען עס טאפלט זיך יעדן טאג, איז עס א טאג פאר'ן סוף געווען האלב). דאס רופט זיך דער "קאגניטיוו רעפלעקשאן טעסט" (CRT). דער פסיכאלאג דר. שעין פרעדעריק האט אים געמאכט צו אנאליזירן וויאזוי א מענטש טראכט: צי ער גייט גראד צו דעם ענטפער וואס זעט אים אויס פשוט ובמושכל ראשון, אדער ער איז נישט נבהל להשיב, נאר טראכט אריין אין דער שאלה און קומט אזוי צום ריכטיגן ענטפער. **[פארקירצט]**

2) עס וועט זיך נישט דרייען (ישראל קאפקע, געפילטע פיש, קול דודי). ביי א זאך וואס דרייט זיך, איז נישט דער וואג וואס רעכנט זיך, נאר דער וואג מאל די האריזאנטאלע ווייטקייט פונעם מיטל. די רעכטע באל איז פונקט צוויי מאל אזוי ווייט פונעם מיטל ווי די צוויי לינקע (געפילטע פיש), און די צוויי לינקע צוזאמען וועגן דאך צוויי מאל אזוי פיל – איז עס גלייך. קול דודי: "נקוט כלל זה בידך: ווען מ'רעדט פון עפעס וואס דרייט זיך ארום, ברויך מען טראכטן פון טארק במקום וואג... ווי הרב ארכימדס האט אונז געלערנט." מ'דארף עס נישט מעסטן, נאר קענען אביסל געאמעטריע: די לינקע באלן שטייען אויף 60 גראד, און cos 60 = 0.5.

3) גדליה: דאס קול לויפט דורך כוואליעס; ווען טויזנט קולות שטויסן זיך אן איינער אין צווייטן, ווערט באשאפן א פרישע קול, און מען הערט נישט מער קיין איינצלנע קנייטש אהער אדער אהין – נישט ווייל עס ווערט פארלוירן, נאר ווייל עס איז א נייע קול. berlbalaguleh: א געוועגליכער מענטש פארמאגט נישט דעם גאנצן "רעינדזש" וואס מאכט א ניגון געשמאק פאר'ן אויער, חוץ בארימטע גאט-געבענטשטע זינגער; ווען אסאך מענטשן זינגען צוזאמען, ווי אין א קאפעליע, איז יעדער משלים וואס עס פעלט דעם צווייטן. "היינו טעמא פארוואס אן ארקעסטער איז זייער שיין און געשמאק צו הערן."

**און צום סוף: א חשבון**

מיר האבן שוין אלע געהערט דעם אויסדרוק "א בילד רעדט מער פון טויזנט ווערטער". אבער פון וויפיל ווערטער רעדט א ווידעא? אין דורכשניט פארמאגט א ווידעא 60 בילדער א סעקונדע. לויט דעם קומט אויס אז א ווידעא וואס געדויערט זעכצן און צוויי דריטל סעקונדעס רעדט מער פון א מיליאן ווערטער: 60 בילדער מאל 16 און צוויי דריטל איז 1,000, מאל 1,000 איז א מיליאן. און א בוך פארמאגט אין דורכשניט "בלויז" ארום 100,000 ווערטער... (דיכטער, 2024) ענטפערט אים ונבנתה העיר: "מ'דארף מדייק זיין דעם הייליג לשון – א 'בילד' רעדט מער פון טויזנט ווערטער. א בילד דייקא. א ווידעא, אפילו פון דער זעלבער סצענע, איז אפט ווייניגער ווי ווערטער."

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2500.html

# ארכיוו

נומער 3 · מאנטאג, פרשת וירא תשפ"ז

### די קוועלער פון נומער 3

- **פרעזידענט לינקאלן פון אן אידישן בליק** · ונבנתה העיר · קאווע שטיבל, "פּה-סח" (תשע"ו), 2.5.2016
- **העי, טעקסי!** · שטילע אינגערמאן · קאווע שטיבל, "פּה-סח" (תשע"ו), 13.5.2016
- **דער "מאנטי האל פראבלעם"** · יידל, געפילטע פיש, משה געציל, ונבנתה העיר, יאיר, יואליש, sunbar, פארוואס?, ישעיה · קאווע שטיבל, 2013–2021
- **דער האטעל וואס האט אלעמאל א פלאץ** · פארוואס?, לעיקוואד · קאווע שטיבל, 17.3.2015
- **היינט מיט X יאר צוריק** · קאווע טרינקער, bush, פשוט-קאמפליצירט, שמעקעדיג, כוכב, געוואלדיג, ליטוואק פון בודאפעסט, טוב ויפה, שושן פורים · קאווע שטיבל, 2012–2018
- **די תגובה פון דער וואך** · קאווע טרינקער, שמעקעדיג · קאווע שטיבל, 9.11.2012
- **א קליין ווערטערביכל** · זר זהב, כוכב, שמעקעדיג, לבי במזרח, ליטוואק פון בודאפעסט · קאווע שטיבל, 2012–2016
- **חידות פון די ארכיוון** · מי אני, ונבנתה העיר, ישראל קאפקע, געפילטע פיש, קול דודי, גדליה, berlbalaguleh, דיכטער · קאווע שטיבל, 2015–2024

### בילדער

- אברהם לינקאלן – אלעקסאנדער גארדנער, 8.11.1863 · פובליק דאמעין · וויקימעדיע קאמאנס
- דוד הילבערט – אומבאקאנטער פאטאגראף, פאר 1912 · פובליק דאמעין · וויקימעדיע קאמאנס
- די טירן, די טעקסי, דער האטעל, דער קאלענדאר און דאס ראד – געצייכנט פאר "ארכיוו"

### די ארכיוון

**קאווע שטיבל** 2012–2024 · **היידפארק** 2003–2026 · **היימישע שטותים** 2004–2006 · **פאליש** 2013–2018 · **דער קרעטשמע** 2014–2018 · **היימישע קרעטשמע** 2006–2008 · **היימישע ווינקל** 2008–2010 · **אידישע וועלט** 2006–2011 · **יידיש נייעס פארום** 2009 · **אייוועלט** 2006–2024 · **אייוועלט** 2026– · **א וועלט מיט וועלטעלעך** 2004–2012 · **זאלצוואסער** 2012–2021 · **די ערשטע חסידישע בלאגס** 2002–2021 · **קאווע שטיבל איסגאבעס** 2012–2016 · **לקוטי בתר לקוטי** 2012–2025 · **מייסטערווערק** 2024 · **כוואליעס** 2024– · **באלעבאס** 2010–2013

### אווארט פון דער רעדאקציע

די טעקסטן זענען גענומען פון די ארכיוון פון די פארומס און בלאגס, מיט די ניקס פון די שרייבער. מיר האבן מגיה געווען אויסלייג און גראמאטיק, און פארקירצט וואו נויטיג ([פארקירצט]); דער אינהאלט און דער סטיל זענען פון די שרייבער אליין.